№ 120 — Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem — פרייז 20 גראשען — Lodzer Tagebłat

לאדזשער טאגעבלאט

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47 | דינסטאג, כ״ב אייר תרפ״ז | 24 maja 1927 r. | צוואנציגסטער יאהרגאנג.

ענטגילטיגער רעזולטאט פון די וואהלען אין ווארשא

דער שטאט-ראט בעשטעהט פון 93 פוילישע און 27 יודישע ראטמענער.

ווארשא, 23. מאי (טעלעפאניש) היינט 7 פריה זענען איבערגעצעהלט געווארען די שטימען פון אלע 209 וואהל-קרייזען. די שטימען זענען פונאנדערגע-טיילט געווארען אויף פאלגענדען אופן:

ליסטע נומער 1 (רעכטע פועלי-ציון) 689 שטימען (נישט בעקומען קיין מאנ-דאט).

ליסטע נומער 2 (פ.פ.ס.) — 71,976 — 28 מאנדאטען.

ליסטע נומער 3—2199 שטימען (נישט געקומען קיין מאנדאט).

ליסטע נומער 4 (בונד) 19,875 — 7 מאנדאטען.

ליסטע נומער 5 (לינקע פועלי-ציון)— 7,862 — 3 מאנדאטען.

ליסטע נומער 6 — 361 (נישט בע-קומען קיין מאנדאט).

ליסטע נומער 7 — 2,549 (נישט בע-קומען קיין מאנדאט).

ליסטע נומער 8 — 1,040 (נישט בע-קומען קיין מאנדאט).

ליסטע נומער 11 — 6,294 (נ.פ.ר.)— 2 מאנדאטען.

ליסטע נומער 12 (ענדעקעס און כא-דעקעס) 118.643 שטימען—47 מאנדאטען.

ליסטע נומער 14 (דראבנעראווצעס) 2.122 שטימען — נישט בעקומען קיין מאנדאט.

ליסטע נומער 15 („התאחדות") 939 שטימען—נישט בעקומען קיין מאנדאט.

ליסטע נומער 16 (יודישער נאציאנא-לער בלאק) 39,392 שטימען — 15 מאנ-דאטען.

ליסטע נומער 17 (דעמאקראטישע פאל-קיסטען) 1,361 שטימען—נישט בעקומען קיין מאנדאט.

ליסטע נומער 18 (פועלי אמוני ישראל) 5,822 שטימען — 2 מאנדאטען.

ליסטע נומער 19 — 1,488 שטימען— נישט בעקומען קיין מאנדאט.

ליסטע נומער 20 (פרילוצקי׳ס פאל-קיסטען) 2,104 שטימען — נישט בעקומען קיין מאנדאט.

ליסטע נומער 21 — 1.295 שטימען— נישט בעקומען קיין מאנדאט.

ליסטע נומער 22 — 220 שטימען.

ליסטע נומער 23 — 5 שטימען.

ליסטע נומער 24 — 27 שטימען.

ליסטע נומער 25 (פילסודסקיסטעס) — 40,678 שטימען — 16 מאנדאטען.

ליסטע נומער 26 — 929 שטימען — נישט בעקומען קיין מאנדאט.

ליסטע נומער 27 (מאנארכיסטען) — 1.289 שטימען — נישט בעקומען קיין מאנדאט.

66 טויזענד שטימען זענען גע׳פסל׳ט געווארען. ס׳רוב פון זיי זענען קאמוניס-טישע שטימען.

פון דעם דאזיגען צוזאמענשטעל איז צו זעהן, אז די ביידע פאלקיסטישע ליס-טעס, רעכטע פועלי-ציון, התאחדות און אנדערע קלענערע יודישע גרופירונגען האבען נישט בעקומען קיין איין מאנדאט און זייערע שטימען זענען געגאנגען לאבוד. די יודישע פארשטעהערשאפט אין ווארשאווער שטאט-ראט האט צוליב דער צושפליטערונג פארלוירען אייניגע מאנדאטען. יודען וועלען איצט האבען 27 פארשטעהער אין ווארשאווער שטאט-ראט: 15 פון נאציאנאלען בלאק, 7 פון בונד, 3 פון לינקע פועלי-ציון און 2 פון פועלי אמוני ישראל. די פוילישע בע-פעלקערונג האט דורכגעפיהרט 93 ראט-מענער: „קאפס" 47 מאנדאטען, פ.פ.ס.— 28 מאנדאטען, ראדיקאלען — 16 און נ.פ.ר. 2 מאנדאטען.

די דאזיגע ציפער׳ן ווייזען, אז די כוחות-פערהעלטנישען אין דער ווער-שעווער זעלבסט-פערוואלטונג האבען זיך ראדיקאל געענדערט לטובות די לינקע גרופירונגען, אזוי, אז עס איז גאנץ מעגליך, אז דאס פרעזידיום פון שטאט-ראט און דער מאגיסטראט זאל בעשטעהן פון די לינקע עלעמענטען.

—0—

W dniu 22 maja 1927 roku rozstał się z tym światem

SALOMON ARON KENIGSBERG

radny miasta Łodzi.

W zmarłym tracimy zacnego obywatela i gorliwego współpracownika o nieskazitelnym charakterze.

Cześć Jego pamięci!

Rada Miejska m. Łodzi.

יודישע שול-ארגאניזאציע אין דער פוילישער רעפובליק
אפטיילונג אין לאדז.

אכטונג, עלטערן!

פארשרייבט אייערע קינדער אין דער 7-כל. יודישער פאלקס-שול אויפ׳ן נאמען פון מעדעם (ציגעל-גאס 17) און אין דער 7-כל. יודישער פאלקס-שול אויפ׳ן נאמען פון באראכאוו (ציגעל-גאס 26).

ס׳ווערען אנגענומען קינדער אין עלטער פון 6 ביז 14 יאהר; די איינשרייבונגען קומען פאר אין די שול-קאנצעלאריעס טעגליך פון 8 ביז 2 מיטאג און פון 8 ביז 10 אין אווענד.

איינשרייבונגען ווערען אנגענומען נאר ביז׳ן 30. מאי. — פערשפעטיגט נישט!

די קינדער, וואס בעזוכען אונזערע שולען, זענען יוצא דעם שול-צוואנג.

2042

Dr. med. Braun

ספעציאל-ארצט פאר הויט-און ווענערישע קראנקהייטען און מענער שוואכע.
בעהאנדלונג מיט קווארץ-ליכט (האר-אויספאל)
23 פאלודניאווא 23
טעל. 40-26
נעהמט אן פון 9—11 און פון 5—8 ד.חענע

Dr. med. Feldman

פרויען-ארצט און אקושער
נעמט אן פון $6^1/_2$—$3^1/_2$
Cegielniana 46, tel. 32-88.

Dr. med. S. Neumark

Moniuszki 5, (פאסאזש-מייער)
ספעציאל-ארצט
פאר הויט, האר- און וועגערישע - קראנקהייטע
בעהאנדלונג מיט רענטגען-שטראהלען.
נעמט אן פון 11 ביז 1 און פון 7—8,
פרויען פון 3 ביז 4 נאכמיטאג.

Od 150-ciu lat znana

Zakłady Przemysłowe w Nieżychowie
S. z. o. p.
fabrykacja surogatów kawowych
„Hauswalda".

פערצערט און טיעף געבויגען פיילען מיר מיט, אז דער אומברחמנות׳דיגער טויט האט ארויסגעריסען פון אונזערע רייהען איינעם פון אונזערע וויכטיגסטע און איבער-געבענסטע טוער פערוואלטונגס-מיטגליד

נ״ע שלמה אהרן קעניגסבערג

זיין ליכטיג אנדענקען וועט ביי אונז בלייבען אין זכרון. עהרע זיין אנדענקען!

דער רעטונגס-קאמיטעט אין לאדז.

דעם ה׳ ישראל מטריקאווסקי און פרוי, צוליב׳ן געבורט פון זייער ניי-געבוירענעם זוהן אהרן ווינשט א הערצליכען מז״ט, א ליכטע ער-ציהונג און פיל נחת פון איהם צו דערלעבען.
פאמיליע שערמאן.

Dr. Z. Rakowski

ספעצ. פאר אויערן, נאז, האלז און לונגען-קרא נקהייטען
9 קאנסטאנטינאווסקא 9 טעלעפ. 27-81
ספעציעלער קורס פאר שטאמלער.
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7.
נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10 ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאכם.
2916

דער פרוי און יתומים, בעזונדערס דער פאמיליע זאנדבערג אין בארצעלאנא דריקען מיר אוים דעם טיפסטען מיטגעפיהל, צום פלוצלינגען טויט פון זייער טייערען

נ״ע

יעקב דוד זאנדבערג

וועלכער איז געשטארבען אין עלטער פון 47 יאהר.
זאל איהם די ערד לייכט זיין!

פאמיליע
לעאן אלעקסאנדראוויטש בארצעלאנא.

געשלאסען די ווירטשאפטליכע קאנפערענץ אין גענף.
אנטי-קאמוניסטיש מיליטער פערנומען כאנקאו.

געשלאסען די ווירטשאפטל. קאנפערענץ אין גענף

גענף, 23 מאי (פאט) די אינטערנאציאנאלע ווירטשאפטליכע קאנפערענץ איז היינט פערענדיגט געווארען. פאר'ן שליסען פון דער קאנפערענץ האט דער סאוויעטישער דעלעגאט געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט פארגעווארפען די פעלקער-ליגע, אז זי דינט נאר די אינטערעסען פון די גרויסע אימפעריאליסטישע מלוכות.

דער פראנצויזישער פארשטעהער האט איהר געענטפערט אין נאמען פון דער ארבייטער-גרופע. ער האט בעטאנט, אז אויב איינער וויל מען זאל איהם אכטען און רעספעקטירען, מוז ער קודם כל אכטען און רעספעקטירען אנדערע. דער רעדנער האט געענדיגט, אז די דערגרייכטע רעזולטאטען פון דער קאנפערענץ וועלען האבען א גרויסע בעדייטונג פאר דער גאנצער וועלט. ער האט דאס געזאגט געגען דעם, וואס די קאנפערענץ האט אנגעוויזען אויף די שלעכטע זייטען פון ווירטשאפטליכען נאציאנאליזם.

טעקסטיל-שטרייק אין ביאליסטאק ווערט ליקווידירט.
אינדוסטריעלער געבען א הוספה פון 7 פראצ.

ביאליסטאק. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). די אינדוסטריעלער האבען פארגעלעגט די שטרייקענדע טעקסטיל-ארבייטער א הוספה פון 7 פראצענט. היינט קומען פאר פערזאמלונגען פון די שטרייקענדע, אויף וועלכע עס וועט בעשלאסען ווערען, צי די פארגעלעגטע הוספה פון 7 פראצענט ווערט אנגענומען. מען רעכענט, אז די ארבייטער וועלען מסכים זיין און נאך היינט זאל דער שטרייק ליקווידירט ווערען.

אן אויסשטעלונג פון סאציאלער שוץ-טעטיגקייט אין שטוטגארט און די יודישע אינסטיטוציעס.

בערלין. (י. ט. א.) אין שטוטגארט איז געעפענט געווארען אן אויסשטעלונג פון דער צענטראלע פאר סאציאלער שוץ, אין וועלכער עס פערנעמט אויך א בכבוד'ען ארט אויך די טעטיגקייט פון יודישען פערבאנד פור געזעלשאפטליכע שוץ. אויף דער אויסשטעלונג געפינט זיך א רייכער בילדער-מאטעריאל, וואס אילוסטרירט די טעטיגקייט פון די יודישע אנשטאלטען אין ווירטעמבערג, דעם יתומים-הויז אין עסלינגען, דעם מושב-זקנים אין זאנטהיים און אנדערע.

מארגען מיטוואך, ד. 25 מאי 12 א זייגער מיטאג, צוליב דעם ערשטען יאהרצייט נאך

נ"ע

גאלדע זיידעמאן

קומט פאר א הזכרה אין דער שוהל פון „לינת החולים" פאלודניאווא 19, צו וועלכער אלע קרובים און פריינד ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.

די פערוואלטונג.

אנטי-קאמוניסטיש מיליטער פערנומען כאנקאו.

לאנדאן, 23. מאי (א.ח.) דאס אנטי-קאמוניסטישע מיליטער האט פערנומען די שטאט כאנקאו, די לעצטע פעסטונג פון די כינעזישע קאמוניסטען. אין שטאט קומען פאר הארצרייסענדע סצענעס. עס קומען פאר מורא'דיגע שרפות און די שטאט שטעלט מיט זיך פאר א ים פון פייער.

דער דעלעגאט פון דער סאוויעטישער רעגירונג באראדין האט פערלאזט די שטאט און אנטלאפען קיין מאסקווע. זיין פערטרעטער, דער קאנסול לינדע, האט געוואלט מאכען א וויזיט ביים גענעראל שעק. דער גענעראל האט איהם אבער געלאזט מודיע זיין, אז צוליב די פיינדליכע שטימונג, וואס הערשט ביי דער בעפעלקערונג געגען די קאמוניסטען, איז פיל גלייכער ער זאל זיך נישט ווייזען און ער בעט איהם צו פערלאזען דאס לאנד.

פילהארמאניע

גאסטשפילן פון ערשטען יודישען ווארשעווער מיניאטור-טעאטער
אזאזעל

לעצטער טאג פאר'ן גרויסען 5. פראגראם
צו בילינע פרייזען פון 50 גראשען ביז 3 זל.

היינט דינסטאג ד. 24 מאי 9 אוו.

16 פון די בעסטע פרעהליכע נומערן 16
פון אלע 4 פראגראמען פון I, II, III און IV פראגראם

קאנפערענסיע: וו. גאדיק

מיט בעטייל: אלא לילית, לוריע שפינעל, וו. גאדיק, ש. לאנדוי, י. סטרוגאטש, י. מאנסדארף, נ. מעלניק, מ. פאטאשינסקי, ת. פאזנאנסקי א. אנד.

קינסטלערישע לייטונג: טעא ארצישעווסקא, ליטעראַרישע לייטונג: משה בראדערזאן, מוזיקאלישע לייטונג: הענעך קאן.
דעקאראט. לייטונג: פרץ קליינמאן, כארעאגראפיע: אלא לילית, דירעקציע: י. דאנציגער.

אכטונג! מארגען מיטוואך, ד. 25 מאי 9 אווענט
פרעמיערע פרעמיערע
פון גרויסען 5-טען פראגראם.

לואי מילער געשטארבען.

ניו-יארק, 23 מאי (טעלעגר. ימ"א) דא איז פלוצלינג געשטארבען דער רעדאקטאר פון דער „ווארהייט", לואי מילער.

* * *

דער פערשטארבענער איז געווען איינער פון די אנגעזעהענסטע פיגורען אין דער יודישער זשורנאליסטיק פון אמעריקא. די לעבענס-געשיכטע פון לואי מילער איז א שטיק געשיכטע פון יודישען אמעריקא. צוזאמען מיט אב. קאהאן איז ער געווען מיט 30 יאהר צוריק איינער פון די גרינדער און הויפט-מיטארבייטער פון „פארווערטס" און מיט זיין שארפער פעדער און גרויסען פאליציסטישען טאלאנט האט ער נישט וועניג מיטגעהאלפען צום אויספארמען דאס נייע יודישע לעבען אינ'ם „גאלדענעם לאנד". צוליב געוויסע מיינונגס-פערשידענהייטען איז לואי מילער ארויסגעטרעטען פון „פארווערטס" און געגרינדעט א נייע גרויסע יודישע טאג-צייטונג אין ניו-יארק — „די ווארהייט", וואו ער איז געווען שעף-רעדאקטאר. די „ווארהייט" האט א רייהע יאהרען, ביז אין דער מלחמה, געשפילט א בעדייטענדע ראלע אין יודישען לעבען פון אמעריקא. פון דער „ווארהייט" איז שפעטער אויסגעוואקסען די גרויסע און איינפלוסרייכע יודישע צייטונג „דער טאג", וועלכע האט מאכט א שטיק צייט געהאט די נאמען „טאג-ווארהייט". מיט אייניגע יאהר צוריק איז מילער ארויסגעטרעטען פון „טאג-ווארהייט" און געגרינדעט די „נייע ווארהייט", פערשמעלצענדיג זיך צו שאפען א נייעם טיפ פון א יודישער טאג צייטונג אין אמעריקא. די צייטונג האט אבער לאנג נישט עקזיסטירט צוליב איהר קליינעם טיראזש — 20.000 עקז. — א ציפער, וואס קלינגט ביי אונז אין פוילען כמעט אוממעגליך, אבער פאר אמעריקא איז עס פיל צו וועניג, אום א צייטונג זאל קענען זיך האלטען.

לואי מילער האט אויך אנגעשריבען איינינע פיעסען, וואס זענען געשפילט געווארען מיט ערפאלג אין די אמעריקאנער טעאטערס, אבער זיין הויפט-כח איז געווען אלס לייט-ארטיקעל שרייבער. אלס אזעלכער האט ער געהאט טויזענדער געטרייע לעזער. דער „לואי מילער עדיטאריעל" איז אין אמעריקא געווען א שם דבר. לעצטען יאהר איז מילער אריינגעטרעטען אין „טאג", וואו ער האט געשריבען זיינע גלענצענדע גייסטרייכע „עדיטאריעל" ארטיקלען.

לואי מילער'ס טויט איז א שווערער קלאפ פאר דער יודישער זשורנאליסטיק, זאל איהם די ערד גרינג זיין.

Szkoła I. KACENELSONA

28 Cegielniana 28

טעלעפאן 51-79.

איינשרייבונגען פון שילער און שילערינס אין אלע פארבערייטונגס-אבטיילונגען ווי אויך אין די העברעע קלאסען, טאג-טעגליך פון 10—1 פארם. און פון 4—6 נאכמ. די עקזאמענס: דעם 29. און 30. מאי.

די דירעקציע.

ש. שווארצבארד גיט א ווירדיגען ענטפער
אויפ'ן אנטיסעמיטישען ארויסטריט פון „פיגארא".
ווארפט-אפ קאטעגאריש די בעשולדיגונג, אז ער איז געווען א ווערקצייג פון די באלשעוויקעס.
„איך האב געשאסען אויף פעטלורא'ן, דעם תליון פון יודישען פאלק אלס נקמה פאר די אונצעהליגע ערמארדעטע יודען".

דער בעקאנטער פראנצויזישער פערפיומען-פאבריקאנט פראנסוא קאטי און אונהאבער פון דער צייטונג „פיגארא" פיהרט זייט א לענגערע צייט א קאמפאניע אין זיין צייטונג געגען קאמוניזם. די ארטיקלען טראגען דאס קעפעל „דער אינטערנאציאנאלער פראנט געגען קאמוניזם". קאטי פערגעסט דערביי נישט צו אטאקירען שטארק די יודען, וועלכע נעמען אן אנטייל אין דער קאמוניסטישער בעוועגונג.

אין זיין ארטיקעל פון פרייטאג דעם 13 מאי אין „פיגארא" דערצעהלט קאטי וועגען דעם „אויג פון מאסקווא", וועגען דעם ארעסטירטען אין פאריז פוילישער יוד יעקב גלעזער. ער דערצעהלט:

„די הייל פון דער באנדע (דעם „רויטען אינטערנאציאנאלען קרייץ") אין פאריז איז אויף 114 בולעווארד דע לא ווילעט. דער מערדער פון'ם אוקראאינישען גענעראל פעטליורא, שווארצבארד, פלעגט אפט אהין קומען. אין דער שעה, ווען פעטליורא איז געפאלען אונטער די קוילען אין קארטיע לאטען, האט ער זיך געגרייט צו פאהרען קיין ווארשא, כדי צוזאמען מיט'ן מארשאל פילסודסקי אין פוילען (?) אויסצוארבייטען דעם פלאן פון אן אפענזיווע פון אוקראאינא געגען די סאוויעטען. עס איז זיכער, אז דער מערדער שווארצבארד האט בעגעגענט אויף 114 בולעווארד דע לא ווילעט דעם פארשטעהער פון'ם „רויטען קרייץ", יעקב גלעזער. דערפון קאן מען לייכט פערשטעהען, אז דער מארד פון פעטליורא איז בעשלאסען געווארען אין מאסקווא און אויסגעפיהרט אין פאריז, כדי צו ראטעווען די סאוויעטען פון אן אנקומענדער געפאהר".

דערויף האט איהם שלום שווארצבארד צוגעשיקט א גרעסערען ענטפער פון געפענגניש. דער ענטפער איז דאטירט: „די תפיסה פון סאנטע — פאריז, דעם 16-טען מאי 1927". מיר געבען פון איהם ארויס די הויפטשטעלען. שווארצבארד שרייבט:

„איהר דערצעהלט, אז איך פלעג אפט" בעזוכען א „הייל", וואס געפינט זיך „114 בולעווארד דע לא ווילעט" און אז איך האב דארט געטראפען „דעם דעלעגאט פון רויטען אינטערנאציאנאלען קרייץ, יעקב גלעזער". אויף אונטערצוּשטיצען אייערע בעהויפטונגען קאנט

איהר נישט — און עס איז פערשטענדליך — ברענגען דעם קלענסטען בעווייז, אפילו א חשד פון א בעווייז".

„איך לייקען אייך דאס אויפ'ן קאטעגארישסטען אופן. איך האב קיינמאל אין מיין לעבען נישט בעזוכט, נישט „אפט" און נישט אויף אן אנדער אופן, קיין שום „הייל", נישט אויף „114, בולעווארד דע לא ווילעט", נישט אויף קיין אנדער ארט" איך האב קיינמאל נישט בעגעגענט קיין שום „דעלעגאט פון רויטען קרייץ, אזוי ווי נישט ה' יעקב גלעזער" — וועגען וועלכען איך האב קיינמאל נישט געהערט — אזוי אויך נישט קיין אנדערען. איך גיב צו, אז איך האב קיינמאל נישט געהערט צו דער קאמוניסטישער פארטיי און נישט געהאט מיט איהר קיין שום בעציהונגען".

„איהר בעהויפטעט אויך, אז „בשעת פעטליורא איז געפאלען אין קארטיע לא טען אונטער די קוילען, האט ער זיך געגרייט צו פאהרען קיין ווארשא, כדי געמיינזאם מיט'ן מארשאל פילסודסקי צוגרייטען אין פוילען אן אפענזיווע פון אוקראאינא געגען די סאוויעטען". נישט האבענדיג קיינמאל געקאנט נישט די כוונה פון פעטליורא, נישט פון מארשאל פילסודסקי, דערוואוּס איך זיך צום ערשטען מאל וועגען דעם פראיעקט. אבער וואס אנבעלאנגט מיך, בין איך געווען אן ערוועהנטער עדות גוט פון א צוגע צוגעגרייטער אפענזיווע, וואס איז שוין שוין פארגעקומען: די גרויזאמע גרויסער נאר פון א אפענסיווע, וואס איז געווען קאזאקען געגען דעם אומגליקליכען יודישען פאלק".

„איהר בעהויפטעט דאן, לויט אייער איינענעם אויסדרוק „אפט", אז דער „מארד פון פעטליורא איז בעשלאסען געווארען אין מאסקווא און אויסגעפיהרט אין פאריז, כדי צו ראטעווען די סאוויעטען פון אן אנקומענדען געפאהר", זייט ווייסען, אז דאס טויטען פון פעטליורא איז בעשלאסען געווארען נאר דורך מיין געוויסען פון א יוד, וואס האט בעשלאסען זיך נוקם זיין פאר די אונצעהליגע זיינע ברידער, וועלכע זענען ערמארדעט געווארען. איהר זאגט צו „לייכט" געגעבען צו האלטען, אז מ'הרג'עט, אזוי ווי אנדערע שרייבען ארטיקלען אויף א בעפעהל. ווייסט אויך, אז איך האב געוואלט באמת ראטען עמיצען פון די

א געפאהר, א פאלדיגע אנדער א שטע מערדונג. אבער איך האב דאן נישט געקלערט וועגען די סאוויעטען, איך האב נאר געקלערט וועגען דער רוהיגער יודישער בעפעלקערונג פון מזרח-אייראפא, וועלכע איך האב געהאפט צו ראטען פון א פאגראמטשיק, וועלכע איז ליידער נאך נישט פערשוואונדען.

„איהר בעהויפטעט לכוף, אז איך האב בעקומען שטיצע פון „רויטען קרייץ" און „פון זיינע גרויסע פינאנציעלע מיטלען". איך האב קיינמאל אויף קיין שום אופן נישט געהאט קיין בעציהונג מיט'ן „רויטען קרייץ" און איך האב נישט געקאנט זיך בענוצען מיט זיין הילף, אדער מיט דער הילף פון אן אנדערען — אויסער דער הילף פון מיין פערטיידיגער האנרי טארעס.

„מיר זעהען פאראויס — זאגט איהר — אז דער „פראצעס וועט אנגעמען פאר'ן פאריזער געריכט אן אינטערנאציאנאלען פריינט און בעדייטונג", די פריינט און די בעדייטונג זענען „אינטערנאציאנאל" פאר די, וועלכע קענען נישט די נייע זאמלונג פון פאגראמען און פערברעכען פון'ם בעוואפענטען אנטיסעמיטיזם פון וועלכען איהר ווערט דער דינסט — בערייטער פערטיידיגער. מאכט צולויב דעם, אז די ציוויליזירטע וועלט זאל וויסען דאס יודישע מארטירערטום, האב איך בעשלאסען צו פעגעהען דעם אקט. פאר וועלכען איך וועל אונגעלאַנען ענטפערען פאר'ן געריכט. די ברייטקייט און בעדייטונג פון'ם פראצעס וועלכען קיינמאל נישט קאנען דערגרייכען די גרויזאמקייטען פון'ם פערברעכען פון די פאגראם-מאכער.

„וואס אנבעלאנגט די „גלויבענס געגנער", וואס איהר פערבינדעט מיט מיר, קאנען דאס זיין נאר מיינע גלויבענס-גענאסען פון יודישען פאלק, קרבנות פון א דורות-לאנגער אונטערדריקונג. מעהר ווי הונדערט טויזענד יודען נאך דעם קריג, זענען ערמארדעט געווארען דורך דער ציגיונישער זעלנער-באנדע. די, וועלכע זענען בעגראבען געווארען ליגען אונטער די מצבות אין פאר-דארפען, וואלדען און אין דער גאנצער אוקראאינא. הונדערטער טויזענדער יתומים און אלמנות, וועלכע האבען זיי איי-בערגעלעבט, זענען איצט פערשפרייט איבער דער וועלט, און פאלעסטינא און איז אמעריקא. אהן ספק איינינע פון די

וועלכע זענען לעבען געבליבען וועלען געבען דעם פראצעס „אן אינטערנאציאנאלע פרייט און בעדייטונג" דורך דעם לעבעדיגען עדות-זאגען פון זייערע פערוואנדטע, משפחות און קרובים.

„ווייט פון דער פאליטיק, און אבי א יאהר צייט אפגעשטעלט פון דער וועלט, ווייס איך נישט, וואס עס בעוועגט אייך און איינער צו שלעכט אויפצו מישען מיינע געדאנקען בשעת דער אטענטאט, פאר וועלכען איך וועל אבגעבען א דין וחשבון פאר'ן געריכט. איך ווייס נאר, אז אייער האנדלונג לגבי א מענש, וואס איז אין תפיסה, וואס קיינער האט ביז איצט נישט חושד געווען זיין אינטע-ליזם, גיט אין א געוויסער מאס א בעווייז פון אייער מוט און אייער עהרע אין איך צווייפעל, צי דאס וועט עפעס צוגעבען צו אייער אויטאריטעט".

„אן עדות פון דעם פאגראמען-גרויל האב איך, הרג'ענדיג איינעם פון די הויפט-שולדיגע, געפאלגט א בעפעהל פון מיין געוויסען. איך האב געשאסען אויף פעטליורא, דעם תליון פון יודישען פאלק ווי אין אויגוסט 1914 האב איך גענומען אין האנד דעם ביקס אין דער פראנצויזישער ארמעע געגען דעם דייטשען מיליטאריזם. אלס פרייוויליגער פון'ם אייז קריג אינ'ם ערשטען אויסלענדישען רעגימענט, א קעמפער פון קארענסי, צו געמיילט אין 1915 יאהר, זיין דער אטאקע פון ארראב צום 363-טען אינפאנ-טעריע רעגימענט, פערוואונדעט אין 1916 אין שאמפאן (וואג) און לונגען אין אין האנד, האב איך בעקומען דעם קריגס קרייץ מיט פאלגענדער ציטירונג, וואס [illegible]

מענען..."

* * *

פראנסוא קאטי האט אפגעדרוקט דעם בריוו אינ'ם „פיגארא". ער בעגלייט איהם מיט א לאנגען ענטפער. ער שרייבט אזוי:

„איך האב קיינמאל נים בעהויפטעט, אז ער האט געהרג'עט אויף א „בע-פעהל". עס איז אין מיין האנדלונג נישטא קיין שום אקט פון אנטיסעמיטיזם איך האב קיינמאל נישט געטאן און איך וועל נישט האנדלען אנטיסעמיטיש — רעליגיעזע, אז האט ווארט האט בכלל עפעס א בעדייטונג — ווייל די דאקטרינע פון „פיגארא" שטעלט זיך דעם אנטי-קעגען; מיין גאנץ לעבען איז געווען א לאנגער בייספיל פון ליבעראליזם אין דעם פרט; פיל אנגעזעהענע יודען, וועלכע ארבייטען מיט אין מיינע צייטונגען און אינדוסטריעס זענען דערצו די לעבעדיגע עדות".

קאטיס ענטפער איז אבער זעהר א שארפער און אפט בענוצט ער זיך מיט די אנטיסעמיטישע ארגומענטען. אזוי שרייבט ער:

„דער פאקט, וואס שווארצבארד געפינט זיך אונטער'ן שלאס, האט קיין שום דראמאטישע בעדייטונג נישט: ער לייקנט די צייטונגען און ער האט דאס פרייע רעכט צו ענטפערן; ער האט נומען עצות-געבער; ער וועט אויסגעצייכענט פערטיידיגט ווערען; ער האט ארום זיך אין הינטער זיך אלע קרעפטען, וועלכע זענען פעהיג איהם צו ראטען, די שלעכטע עקזיסטירען נישט; זיין פערטיידיגען איז נאר געגען דער פיזישער גוואלד [illegible]

[illegible]

די העצע פון די אוקראינער אין פאריז.

[illegible]

[ל]אָדזער טאַגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר נעהמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָוונט.
ניט בעשטעלטע מאַנוסקריפטען ווערען ניט צוריקגעשיקט.

„Lodzer Tageblat“, Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 1[...]
טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57. אַדמיניסטראַציע 47.

[...]לערנט אונז דער רעזולטאַט
[...]י שטאָט-ראַט-וואַהלען אין וואַרשע.

[...]ר וואַהל-קאַמף צום שטאָט-ראַט אין וואַרשע, וועלכער איז גע[...]
[...]עוואָרען מיט אַן אויסגעצייכנעטע ברען און איז ממש פערוואַ[...]
[...]וואָרען אין א וואַהל-מלחמה, פון אויף דער פוילישער, סיי אויף
[...]ישער גאַס, איז פערענדיגט.
[...]לאַמיר געמען, האָבען אַלע הויפט-פּאַרטייען צו פערצייכנען ער[...]
[...] אפילו די „קאָפּס“-ליסט, די איבערגענוצטע „ענדעקעס“, וועל[...]
[...]איצט פון א מעהרהייט פערוואַנדעלט געוואָרען אין א מינדער[...]
[...]לען געווים אנווייזען, אז זייער שטימען-צאָהל, אין פערגלייך צו די
[...]יגע שטאָט-ראַט-וואַהלען, איז בעדייטענד געוואַקסען און אז זיי
[...]עקומען פולע 50 פּראָצענט פון די אָבגעגעבענע פוילישע שטימען.
[...] ניכער קאָנען רעדען וועגען א נצחון די „פּ.פּ.ס.“ און די „פּילסוד[...]
[...] וועלכע האָבען בעקומען א פיל גרעסערע צאָהל מאַנדאַטען
[...] פערגאַנגענע שטאָט-ראַט-וואַהלען.
[...]עקמיוז זענען אַזעלכע אָבשאַצונגען ריכטיג. וועלען מיר אָבער
[...] בעטראַכטען דעם אויסגאַנג פון די וואַהלען, שטעלט זיך די
[...] א ביסעל אַנדערש. אָבער קודם וועלען מיר מאַכען א פּאָר
[...] בעטראַכטונגען.
[...]וואַרפט זיך ממש אין די אויגען די גרויסע ציפער פון די וואַהל-
[...]ע, וועלכע איז געשטיגען, אין פערגלייך צו די לעצטע שטאָט[...]
[...]לען, אויף גאַנצע 70 פּראָצענט (פריהער 41 פּראָצענט בעטייליג[...]
[...] — 70 פּראָצענט). דאָס בעווייזט אויף דעם וואוקס פון'ם אינטע[...]
[...] דער פּאָליטישער רייפקייט ביי דער בעפעלקערונג.
[...]נדערס איז די דאָזיגע ענטוויקלונג פאָרגעקומען אויף דער פּוי[...]
[...], וועלכע האָט בעקומען 70 פּראָצענט פון די אָבגעגעבענע
[...]נת די יודען האָבען נאָר 30 פּראָצענט. פאַקטיש בילדען דאָך
[...]מהר. די 30 פּראָצענט פון די וואַרשאווער איינוואוינער.
[...] בעזונדערס איז כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס אין דער צייט
[...]לישע שטימען זענען פערטיילט געוואָרען צווישען דריי לאַגערן:
[...] — „קאָפּס“, 30 פּראָצענט — „פּ.פּ.ס.“ און 20 פּראָצענט — די
[...]ר (פּילסודסקיסטען). זענען די יודישע שטימען נאָר פערטיילט
[...]צווישען דעם נאַציאָנאַלען בלאָק (55 פּראָצ.) און די סאָציאַליס[...]
[...]ראָצ.).
[...]קאָן מען ערקלערען דערמיט, וואָס די פוילישע שטימען, וועל[...]
[...]אָבגעגעבען פאַר דער ליסטע 25, זענען אַן אויסדרוק פון סימ[...]
[...] יחידים, וואָס שטעהען בראש פון דער רעגירונג, האָבען גאָר[...]
[...]שען מיט א וועלכען עס איז ליבעראַלען, צי דעמאָקראַטישען
[...]

[...]ער יודישער גאַס איז דער דאָזיגער מאָמענט ניט פאַרהאַן.
[...]ישע וועהלער, וועלכע האָבען על פי רוב ניט קיין אויסגע[...]
[...] קלאַסען-כאַראַקטער, לענקען זיך מעהר לויט דער קאָניונקטור
[...] ווי אויף פּערזאָנען.
[...] דעריבער די דעמאָקראַטישע און פּאָליטישע ליסטעס,
[...]טאַנגען ניט קיין צוזאַמענגעשטעלטע אין קיין קלאָרע ליניע,
[...]ן קיין אָבקלאַנג ביי די מאַסען. עס האָט דעצידירט דער נאַ[...]
[...]ירער דער קלאַסען-מאָמענט.
[...]עדיג די צאָהל אָבגעגעבענע שטימען, זעהן מיר, אז ניט
[...] און ניט די „פּילסודסקיסטען“ צוזאַמען מיט די „פּ.פּ.ס.“ ווע[...]
[...] אַליין איבערצונעמען די רעגירונג פון וואַרשע, ווייל אָהן די
[...]ידישען בלאָק בילדעט יעדער פון די צוויי לאַגערן א מינדער[...]
[...]ס.“, וועלכע זענען בכלל זעהר „עלאַסטיש“ אין זייער פּאָליטיק,
[...]טא. געצוואונגען זיין צו פערבויגען זייער הבטחה, צו „פערפוי[...]
[...]א“ און אָנקניפּען אונטערהאַנדלונגען מיט די יודען... די לאַגע
[...]בכלל ניט קיין קלאָרע און עס זענען מעגליך פערשידענע
[...]ען.
[...]בכל פון יודישע ליסטעס, די צעשפּליטערונג פון די יודישע
[...] שטאַרק אָבגעשוואַכט די יודישע פּאָזיציעס אין וואַרשאַווער
[...]דאָס איז א לעקציע, וואָס מען דאַרף געדענקען!

בו-משה.

[...]און די יודישע קאָלאָניזאַציע
[...]אין סאָוויעט-רוסלאַנד.

[...].) דאָ איז פאָרגעקומען
[...]מיניסטער-צוזאַמענקונפט
[...] אויף וועלכער עס איז
[...]ען בעדייטענד צו
[...] די אונטערשטיצונג פון
[...]אָניזאַציע אין סאָוויעט-
[...] האָט זיך די י.ק.א.
[...] נייעסטער צוריקגעהאַל-
[...] יודישער קאָלאָניזאַציע
[...] האָט קאָלאָניזירט בלויז
[...]יאָהר. איצט איז בע-
[...] צו קאָלאָניזירען 1000
[...]ס וועלען צוגעשטעלט

ווערען לאַנד-ווירטשאַפטליכע מאַשינען
עס וועלען געבויט ווערען שול און
קאָאָפּעראַטיוו בנינים א. ז. וו.

י.ק.א. וועט פערגרעסערען די קאָלאָני-
זאַציע אין די קרייזען מאַריאופּאָל און
זאַפּאַראָזש אויך אין אַנדערע געגענדען
פון אוקראַינע.

ת. מ. סירקין, א מיטגליד פון דירעק-
טאָרען-ראַט פון י.ק.א. איז אַרויסגעפאָה-
רען קיין רוסלאַנד כדי צו שליסען אַן
אָבמאַך מיט דער סאָוויעטישער מאַכט
וועגען דער קאָלאָניזאַציע-טעטיגקייט פון
י.ק.א. אין סאָוויעט-רוסלאַנד.

[...]ע קאָלאָניעס אין אוקראַינא
[...]פ'ן נאָמען פון פעטליורא און וואַרבורג.

[...] (י.ט.א.) די פּראַוויינציעלע
[...] „נאַוי פוט“ און „נאַ-
[...] ניט וואָס פון קליוראַק

אויף אוקראַינע, זענען אָנגערופען גע-
וואָרען אויפ'ן נאָמען פון פּרעזידענט פון
„דזשאָינט“—פעליקס וואַרבורג.

„העלענובעק“ וואַקסט זיך פונאנדער אין א וואונדערבארער יוד. „קינדער-רעפובליק“.

דאָנערשטאָג ווערט געלעגט דער ווינקעל-שטיין צו אַ נייער גרויסער געביידע. — דאָרט וועט איינגעאָרדנט ווערען אַ גרויסאַרטיגע האַנדווערקער-שולע פאַר די קינדער פון'ם אינטערנאַט. — אינטערעסאַנטע איינצעלהייטען פון דער גרויסער אונטערנעהמונג.

א דרייסטער פּלאַן, וואָס האַלט ביי'ם דורכגעפיהרט ווערען.

ניט לאַנג צוריק האָט דאָס יודישע לאָדז געפייערט דעם 50. געבורטסטאָג פון גרויז-גרויסען, טעמפּעראַמענטפולען און ענערגישען לאָדזשער „אבי היתומים“, מרדכי חיים רומקאָווסקי. היינט נאָך דאַגעשטאַנד, וועלען מיר ווידער האָבען די זכיה מיטצומאַכען דעם יום-טוב פון קלויבען די פּירות פון'ם יובילאַר'ס ענערגיע און אָרגאַניזאַציאָנס - לייס-טונגען לטובת זיינע קינדערלעך — די יתומים. דאָנערשטאָג וועט, געמיינט, פאָרקומען די פייערליכע גרונד-שטיין-לעגונג פון א נייער געביידע אין אינטער-נאַט אין פּערמע „העלענובעק“. אין דעם דאָזיגען יום-טוב וועלען זיך בעטייליגען די אַנגעזעהנסטע פּערזענליכקייטען פון יודישען לאָדז, ווי אויך געסט פון וואַר-שא: סענ. שערעשעווסקי, דעפּ. פּעל-מאַן, ד"ר ז. בינשטאָק א. אַנד.

אין שייכות מיט דעם פאָרשטעהענ-דען יום-טוב אין „העלענובעק“ האָט דער פרעזעס פון דעם אינטערנאַט אין פּער-מע פאַר אָרימע יודישע קינדער, יתומים ווי ניט-יתומים, אויף שבת-צונאַכטס גערופען א קאָנפערענץ מיט פּרעסע-פאַר שטעהער.

ה' רומקאָווסקי האָט געזאָגט:

— איהר ווייסט דאָך שוין, אז מיר שטעלען איצט אין „העלענובעק“ א נייע, גרויסע געביידע מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען. דער פאַרהאַנגענער בנין איז צו ענג און קליין. אמת, דער נייער בנין דאַרף קאָסטען לערך 100.000 זל. אפשר מיט א ביסעלע איבער, דערויף איז נאָך ניטאָ דאָס נויטיגע געלד — אָבער די אַקציע מוז דורכגעפיהרט ווע-רען, ניט קוקענדיג אויף די פינאַנציע-לע שוועריגקייטען. וואָס עס שטעהען דאָ פאַר. מיר ווייסען, ס'איז א ריזיקאַלי-שער שריט, דאָס שטריקעל איז אפשר צו-שוואַך אָבצוהאַלטען, אָבער מען מוז אַזוי טון, אַנדערש וועט נאַרנישט געטון ווערען. ציגעל זענען פאַרהאַן, אַבסאָלוט האַלץ איז דאָ, טאָר מען ניט פאַלעמי-זשען און בויען אויף ווייל ס'קלעקען נאָר די מעגליכקייטען. וועלען ניט סטייען קיין געלד-מיטלען אויף צו פאָר-ענדיגען דעם בוי, וועלען זיך מוזען גע-פינען אַזעלכע יודען, וואָס וועלען געבען דערויף, מיר וועלען זיי צווינגען צו דעם אינ'ם נאָמען פון דעם עלענד פון אָרימע יודישע יתומים, וועלכע דאַרפען דער-צויגען ווערען פאַר פּראָדוקטיווע, געזונ-דע יודען און מענשען.

וואָס מיר בעצוועקען מיט דעם נייעם בנין? מיר האָבען אין זינען דערמיט אויפצוטון ווילפעלגעס. קודם כל האָבען מיר די ברעה אַריינצונעהמען אין די נייע רוימען ביי 30—40 קינדערלעך פון 2 יאָהר אָן, ד. ה. אַזעלכע, וואָס ווערען אין קיין שום יתומים-הויז ניט אָנגענומען. אין אַזאַ אינטערנאַט נויטיגט זיך שטאַרק דאָס אָרימע יודישע לאָדז. די כונה דער-פון איז וועהר א רעאַלע — זאָגט ה' רומ-קאָווסקי. אויב מען נעמט צו אין „העלע-נובעק“ קינדער פון 10—12 יאָהר, ציהט זיי צוריק צו דער שטאָט, זיי איז שווער זיך צוצופּאַסען צו די נייע פער-העלטנישען, צו דער פרישער, פּרעכטיגער אַטמאָספערע. דעריבער איז אונזער שטרעבונג אונזערע קינדערלעך צו „אַק-לימאַטיזירען“ פון די יונגסטע יאָהרען אָן, זיי צוגעוועהנען צום דאָרף און אַזוי אַרום אויפצואיהען א נאָרמאַלען, יודישען דאָרפס-מאַן, אַנטוויקלען מיט געזונטע קענטענישען, סיי פיזישע, פּראָפעסיאָנעלע סיי גייסטיגע, כדי שפּעטער וואו ער וועט קומען, זאָל ער ניט זיין אונבעהאָלפען אין אַנטוויקלונג. עס וועט זיין אינטערע-סאַנט צו דערמאָנען, אז אין דער ער-ציהונג פון די קינדער אין „העלענובעק“ ווערט אַנגעוועגדעט, צווישען אַנדערע, א תקנה, אז קינדער, וואָס פרובען צו ענט-לויפען פון זייער היים, ווערען בעשטראָפט אויף אַן עקזעמפּלאַרישען אופן. דערין ליגט דער ציל פון „אַקלימאַטיזירען“ די פיזישטאַרטישטע יודישע קינדער. דער נייער בנין וועט אויך געבען די מעגליכ-קייט צוצוגרייטען די קינדער פון „העלע-נובעק“ פאַר פעהיגע האַנדווערקער.

די פערוואַלטונג פון „העלענובעק“ מיט ה' רומקאָווסקי בראש ליגט אויסער גרויס אכט אויף די איינצעלהייטען פון יעדער מלאכה. זיי האָבען ניט שטאַרק ליב, למשל, שניידעריי, אָדער שוסטעריי, ביי וואָס מען דאַרף זיצען איינגעבויגען. דערפאַר האָבען זיי פערקליבט א פּלאַן איינצואָרדנען אין „העלענובעק“ א בוי-טישלעריי, וואָס וועט האָבען צוויי מע-לות: ערשטענס וועלען די יודישע יונג-לעך האָבען די מעגליכקייט ביי דער אַר-בייט זיך צו ענטוויקלען פיזיש און בינה-לבינו וועט פאַר „העלענובעק“ גופא צו-געגרייט ווערען פערשידענע נויטיגע זאַ-כען צו דער ווירטשאַפט. אַמ האָט ה' רומקאָווסקי שוין איינגעקויפט אויף דער לעצטער פּויזענער אויסשטעלונג מכשי-

רים צו דער בוי-טישלעריי, עס איז צוגע-נומען געוואָרען א בוי-מייסטער און — מען אַרבייט שוין. דער טישלער-מייס-טער, א דייטש, נתח'ט זיך וועהר מיט די יודישע יונגלעך, באַשר זיי קאָנען גאָר-ניט יודיש-מעסיג „הויבען א פּלייצע“ ביים זעגען, ביים שטאַמפּען האָלץ א. אז וו. דערביי ווערען שוין אויפגע-שטעלט פאַר דער בעל-הבית'ישקייט אין „העלענובעק“ נויטווענדיגע זאַכען. דאָס הייסט אָבער נאָך ניט, אז די טישלע-ריי פונקציאָנירט שוין. די דאָזיגע אָב-טיילונג וועט זיין אין גאַנג ערשט נאָך דעם, ווי דער נייער בנין וועט זיין פול-שטענדיג פערטיג און די לאָקאַלען פון „בית-יוסף“ וועלען ווערען פערוואַנדעלט דורך דער טישלעריי און אויף א געהע-ריי (שוואַלניע) פאַר מיידלעך פון 14 יאָהר אָן.

פון דעם בילאַנס, וואָס ה' רומקאָווסקי האָט פאָרגעשטעלט איז צוזעהען, אז אויפ'ן 1. יאַנואַר ד. י. איז געוועזען אויפ'ן בוי-פאָנד פאַר'ן נייעם בנין 19000 זל.; „פּאַמאָץ“ איז שולדיג „העלענובעק“ א קליינע סומע (פּאַמאָץ און „העלענו-בעק“ האָבען צוויי-ערליי בילאַנסע-ריען). „העלענובעק“ האָט איצט 98 קינ-דער, וואָס האָבען דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר געקאָסט אויסהאַלטונג 60.000 זל. מיט עפּעס. „פּאַמאָץ“ וואָס ציילט 21 קינדער קאָסט 1000 זל. א חודש. דער-ביי מוז צוגעגעבען ווערען, אז אי אין „העלענובעק“ אי אין „פּאַמאָץ“ הערשט געפיהרט א היימישע. בעזונדערע ווירט-שאַפט און אַלע ביטען דורך די קינדער אַליין;; א קאָנטראָל פון „דזשאָינט“ האָט דאָס בעשטימט איז נעגאַטיוו אין 1926 א סובווענציע פון 1500 דאָלאַר.

— אַלזאָ, וואָס מיט מען מיט דעם נייעם בוי? — זאָגט ה' רומקאָווסקי. מיר מוזען תחבולות. האָט מען געשיקט א בעקאַנטען לאָדזשער יוד, ה' פּיניע הער-שאַפּסקי. וועלכער האָט מנדב געווען באַר צום נייעם בנין 20.000 זל. איז שוין פאַרהאַן ב"ה 39.000 גילדען. און וואו נעמט מען דאָס איבעריגע? פּפּרט, ווען ס'איז שוין דאָ א נייער בנין, מוז מען איינגאַנצען שוין פערגרעסערען דעם אונ-בעוועגליכען אינווענטאַר: מען דאַרף בוי'ען א נייע סטאַדלע, שטאַלען פאַר פערד און קיה, מ'דאַרף איבערבויען דאָס קליינע הויז, מ'דאַרף איינאָרדנען אַנ-איינציגע עלעקטרישע סטאַציע, א בלוי-מען-אַראַנזשעריע אויף ווינטער, ס'איז

נויטווענדיג איינצוקויפען נייע שפּיס-ערד — אַזוי אַרום ווערט מיט'ן בוי פון דער נייער, מאָדערנער געביידע פער-בריינערט דאָס מעטענקייטס-געביט פון „העלענובעק“ און עס ווערען גרעסער די פערפּליכטונגען, וואָס זענען על-ל צו פּרעגנען בעדיינטערע, נייע פּראָבלעמען פאַר דער. ענטוויקלונג פון א גרויסער צאָהל אָרימע יודישע קינדער און אויך צו פער-גרעסערען די ריוחים פון דער דאָזיגער פערמע.

אַלזאָ לויט ה' רומקאָווסקי'ס קאַלקולאַציעס אז אויפ'ן בוי פון דער נייער געביידע מיט די איבעריגע אַלע ווירטשאַפטליכע איינריכטונגען, איז נויטיג העלער 160 טויזענד זלאָטעס, א חוץ דעם איז נוי-טיג אויף עסען פאַר די קינדער ביי 81 טויזענד זלאָטעס, ד. ה. צוזאַמען לערך 240—50 טויזענד זלאָטעס. דאָס איז א גרויסע סומע. ה' רומקאָווסקי איז אָבער אָפּטימיסטיש. „העלענובעק“ איז זיין לעבענס-אויפגאַבע, וואָס ער מוז פער-לירקליכען, מאַלען העלפען א גאַרטען שטאַרט, א יודישע „קינדער-רעפּובליק“, וואָס זאָל דינען אַלס מוסטער פאַר'ן גאַנצען פוילישען יודענטום. אויפרינגנס, זיין אָפּטימיזם נעמט זיך פון די ממשות-דיגע יסודות, אויף וועלכער עס שטיצט זיך „העלענובעק“. „העלענובעק“ האָט ביים איצטיגען מאָמענט 2500 מיטגלי-דער און שטענדיגע מנדבים, וואָס געבען פון די גרעסטע סומען ביז 50 גראָ-שען א חודש. א חוץ דעם שטיצט זיך די געזעלשאַפט אויף ניט איבריג-גרוי-סע סובווענציען פון מאַגיסטראַט, קהלת, יא. נאָך א גרונד ניטשט צו זיין פּעסי-מיסטיש בנוגע דער רעאַליזירונג פון זיי-נע פּלענער האָט ה' רומקאָווסקי אין דעם וואָס ס"ה פּעהלט איצט ביי 90 טויזענד זל. צום בנין און עס רוקען זיך שוין אונזערע יודען, וואָס פערשטעהען די נויטווענדיגקייט פון אונטערשטיצען די דאָזיגע ווילטיגע אינסטיטוציע און זאָ-גען צו געבען גרעסערע סכומים געלד. די איצטער האַנדלונגען וועגען דעם זע-נען שוין אין גאַנג.

ה'רומקאָווסקי גלייבט, אז ס'וועט זיך איהם איינגעבען בקרוב אַלע שוועריג-קייטען נובר צו זיין און מיט דער "אינער-שטאַנדיגער פּערטרונג אין „העלענובעק“ וועט זיך אַהייבען א נייע, בעגייסטערטע התחלה צום גוטען. (ג)

איינציגע קאָמישע געשיכטעז, וואָס זענען זיך פערלאָפען אין ארץ ישראל.

(ספּעציעל פאַר'ן „לאדזער טאגעבלאט“).
פון זרמי זילבערצווייג (תל-אביב).

איצט וויל איך דערצעהלען איינציגע קאָמישע געשיכטעס, וואָס האָבען פּאַסירט היינטיגען פּסח אין ארץ-ישראל. דערצעהלט האָבען עס מיר גבאים פון שוהלען, מיט וועלכע כ'האָב זיך חול-המועד געטראָפען אין ירושלים.

פּסח פיהרט מען זיך שוין אין ארץ-ישראל, אז מ'פּאַהרט זיך אַביסעל קיין ירושלים. דאָ טרעפט מען זיך צונויף פון גאַנצען לאַנד מיט פאַמיליע, פריינד און בעקאַנטע, און דאָ טרעפט מען אויך פיל טוריסטען. די רעגירונג, וואָס ווייסט שוין, אז פּסח פּאָהרט מען פיל, מאַכט ספּעציעל אויף גאַנץ פּסח ביליגע פּרייזען אויף דער באַהן.

אויסגעקויפט אַלע מצוות.

דערצעהלט מיר איין גבאי אזא גע-שיכטע: ביי זיי אין שוהל איז יום-טוב געקומען אַנ'אורח, א גאַסט, הייסט עס, פון אַמעריקא. ער איז געקומען צו זיינע עלטערען, מיט וועלכע ער האָט זיך ניט געזעהען פיל יאָהרען, און וועלכע ער האָט טאַקע פאַר זיין געלד בעזעצט אין ארץ-ישראל. דער זוהן האָט זעהר ליב זיינע עלטערען, און דאָס האָט ער טאַקע דעם פאָטער צוליב געטון, און געקומען יום-טוב צום דאַווענען. אַזוי ווי מ'האָט געזעהען, אז אין שוהל'כעל זע-נען פאַראַן פיל אונבעקאַנטע פּנים'ער, האָבען די גבאים בעשלאָסען אויסצוניצען דאָס, און זיי האָבען אָנגעהויבען פער-קויפען די עליות.

דער גבאי רופט אויס: 2 שילינג „כהן“, הערט זיך א שטימע 3 שילינג. שפּעטער 4, ביז עס האַלט שוין ביי 6 שילינג, דאָ הערט זיך א שטימע 10 שילינג.

10! הערט א געקוק פון אַלע זייטען. ערשט שטעלט זיך אַרויס אז געקויפט

„כהן“ האָט דער זוהן, וואָס איז געקומען פון אַמעריקא צו זיין פאָטער.

בלייבט דער גבאי א רגע פערטראַכט. ער ווייסט, אז דעם „כהנ'ס“ פאָטער איז גאָר א „ישראל“, איז דאָך דער זוהן אויך ניט קיין „כהן“, טאָ צו וואָס קויפט ער עפּעס „כהן“, ניט אַנדערש, אַזוי ווי ער איז אין אַמעריקא, האָט ער נעבעך פערגעסען יודישקייט, און ער ווייסט ניט, אז א „ישראל“ קאָן ניט האָבען קיין „כהן“, רופט זיך ניט דער גבאי, און געהט צו צום אַמערי-קאַנער גאַסט, און רוימט איהם דאָס איין אין אויער. דער גאַסט הערט אָבער ניט איבעראַשט, און ענטפערט איהם דוקא הויך:

— ס'איז אַלרייט, ניט אַנגרע בייגעס. איך ווייס, וואָס איך טו, דאָס אַל! (רעדט ניט!)

פערקויפט דער גבאי די פלייצעס און הויבט אָן אויסצורופען: „לוי“ הויבט זיך ווידער אָן א „ביזנעס“, און ווידער מען קוקט זיך אַרום שטעלט זיך אַרויס, אז ווידער האָט „לוי“ גע-קויפט דער אַמעריקאַנער גאַסט.

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג באַלמוטשען: דאָס זעלבע איז געשעהן מיט שלישי, מיט רביעי, חמישי, ששי, מפטיר און זאָגאַר הגבה און גלילה.

אַלץ האָט זיך איינגעקויפט דער אַמע-ריקאַנער גאַסט, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ געפּאַקט עפּעס מציאות.

שטעהט שוין דער עולם פערוואונ-דערט צו זעהן, וואָס וועט דאָ ווייטער זיין. ערשט מען הויבט אָן „ליינען“, געהט דער גאַסט צו צום פאָטער, און הויבט איהם אָן אויספרעגען, ווען ער האָט א גוטען פריינד, וואָס איז א „כהן“.

גראַדע איז דער פאָטער א בעל-מלאכה, און זיינע פריינד זענען אויך בעלי-מלאכות, האָט טאַקע אַזאַ שניידער אַריינגעכאַפּט „כהן“, אַנ'אַנדערער בעל-מלאכה האָט בעקומען „שלישי“, „ששי“, האָט זיך דער גאַסט געלאָזט אַליין אויפרופען, און „מפטיר“ האָט ער מכבד געווען דעם אייגענעם טאַטען.

און פרעגט שוין גאַרנישט, וואָס פאַרע פרעהליכען יום-טוב די קאָלאָניע האָט געהאַט מיט דעם דאָזיגען אַמעריקאַנער גאַסט.

• • •

ער מישט זיך ניט אין פרעמדע „ביזנעס“.

אין אַנ'אַנדערע קאָלאָניע האָט, ווי עס דערצעהלט מיר אויך א גבאי, ווי-דער פּאַסירט אַנ'ענליכע געשיכטע, אָבער די איז גראָד געווען פער-קעהרט.

דאָרט איז צו א פאַמיליע געקומען א רייכער קרוב פון דרום-אַפריקא, און פּסח איז ער געקומען צום דאַווענען. געטראָגען האָט ער דאָס אמת'ע שעהנע טלית'ל, וואָס איז אַזוי גרויס געווען, ווי א טאַשענטיכעל. וואָס ער איז, איז מען אויך ניט דרייסט געווען צו פרעגען, נאָר, אז עס איז א גביר, האָבען אַלע געוואוסט, ווייל ער האָט געקויפט א גרויסען אָראַנזשען-גאָרטען (פּרדס). און אַזוי ווי אויסער דעם גאַסט, זענען גע-ווען נאָך געסט, האָט מען אויך בעשלאָ-סען צו פערקויפען די עליות.

דער גבאי רופט אויס 1 שילינג „כהן“, און קוקט אַהין צום רייכען גאַסט, יענער מאַכט זיך אָבער, ווי גאָרניט איהם מיינט, מען און אַזוי האָט אַנ'אַנדערער געקויפט „כהן“ פאַר 2 שילינג. טראַכט

זיך דער גבאי מסתמא איז דער גאַסט ניט קיין „כהן“ נאָר א „לוי“. ערשט ס'קומט צו „לוי“, דער גאַסט ריהרט זיך ווידער ניט. אַזוי זענען אויך אַרי-בער די אַנדערע עליות. טראַכט זיך דער גבאי: דער גאַסט איז א גביר. ווייל ער אוראי זיך איינהאַנדלען „מפטיר“ ערשט ס'קומט צו „מפטיר“ — א נטכי-טיגער טאָג. דער גאַסט מאַכט זיך ניט הערען. טראַכט זיך דער גבאי, אז מסתמא קען נעבעך דער גאַסט ניט אַזוי גוט די ברכה, דעריבער ווייל ער ניט קיין עליה, כדי ער זאָל ניט פערשעהמט ווערען. אַנדערש איז אָבער מיט הגבה און גלילה, דערצו דאַרף מען ניט מאַכען קיין ברכה. בלייבט נאָך צו וואַרטען אביסעל, אָבער אָט פער-קויפט מען שוין הגבה און גלילה, און דער רייכער גאַסט קויפט ווידער גאָר-ניט.

קען זיך שוין דער גבאי מעהר ניט איינהאַלטען, און געהט צו צום גאַסט נאָכ'ן דאַווענען, און פרעגט איהם:

— תיתכן, פאַרוואָס האָט איהר גאָר-ניט געקויפט עפּעס א מצוה?

ענטפערט איהם דער גאַסט גאַנץ גע-לאַסען:

— גאַנץ איינפאַך, איך בין דאָ א פרעמדער, איך קום אַמאָל צו אייך, אָבער דאָ זענען טאַקע היהגע יודען, וואָס דאַווענען א גאַנץ יאָהר מיט אייך, זאָלען קויפען מצוות, זאָל איך זיי געהן אויס-קויפען נאָר צוליב דעם, וואָס איך האָב געלד. נאָ, סער, (ניין, הער) איך מיש זיך ניט אַריין אין פרעמדע ביזנעס!

• • •

א שעהן מעשה'לע מיט א רייכען שנאָרער.

און צום סוף וויל איך דערצעהלען א שעהנע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט

(ענדע יעת זייט 4)

קאמישע געשיכטע פון ארץ-ישראל.

(ענדע פון זייט 4).

היינטיגען חול-המועד פסח אין ירושלים.

אין ירושלים געפונען זיך נאך היינט הונדערטער יודען, וואס לעבען פון צדקה, פון די פושקעס, וואס הענגען אין גרויסע יודישע שטובען אין דער גאנצער וועלט, אדער פון די משולחים, וועלכע ווערען ארויסגעשיקט איבער דער וועלט צו קלויבען נדבות.

פיל אבער פון די דאזיגע צדקה-גע-בער ווארטען נישט, ביז מען זאל זיי געבען און זיי געהען זיך אליין בעטער-ן. זיי געהען אפילו איבער די היי-זער פון ירושלים שנארען. אויף טייל פון די שנארערס זאגט מען, אז זיי הא-בען פיל געלד, נאר געהען זיי אזא אכזר, ווען א יוד שטרעקט אויס א האנד, און גיב איהם נישט קיין נדבה.

איינער פון די שנארער איז געווען אלטער בן-ציון קראפקאפ, א ברעסלאווער חסיד, וואס איז „נעבעך" געשטארבען פון פאר הונגער. ביי טאג פלעגט ער געהן שנארען און אין אווענד איז ער געזעסען אין בית-המדרש און געלערנט, און דארט איז ער אויך געשלאפען אויף א באנק.

מאכט זיך אבער היינטיגע וואך אז אגע-שיכטע: איינמאל אין דער פריה, ווען אלטער בן-ציון קראפקאפ איז אויפגע-שטאנען און אבגעוואשען נעגעל-וואסער און געזאגט קריאת-שמע, איז ער, ווי געוועהנליך, צוגעגאנגען צום ארון-הקודש, און האט פלוצלינג געמאכט א געוואלד.

צוגעהן באלד אין דער פריה צום ארון-הקודש פלעגט ער יעדען טאג און אלע חאבעי געמיינט, אז דאס וויל ער זאגען קריאת-שמע ביים ארון-הקודש.

אבער וואס איז עס אזעלכעס געשעהן ביים ארון-הקודש, וואס ער מאכט א גע-וואלד? לויפען באלד צו נאך עטליכע שנארערס זעהר דערשראקען. ווארום זיי האבען געמיינט, חלילה, אז דאס ארון-הקודש ברענט, אדער מ'האט חלילה ארויסגע'גנב'עט די הייליגקייטען, ערשט ווי דערזעהען, אז אלטער בן-ציון שטעהט א צוטומעלטער מיט א אלטע וועסט אין איין האנד, און אין דער אנדערער האנד האלט ער עפעס פאפירלעך.

הויבט מען דאך איהם אן צו פרע-גען, וואס איז א זעלכעס געשעהן? אבער ער איז מעהר טויט, ווי לעבע-דיג, בקיצור, מ'האט איהם קוים דער-מאנט, און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין דער וועסט האט ער גע-האט זיין גאנצען פארמעגען, וואס ער האט געזאמעלט דורך דער צייט, וואס ער שנארט אליין פאר זיך, און וואס מען שנארט אין דער וועלט פאר איהם. און געהאט האט ער פאר 200 פונט ווערט-פאפירען, און אנ'ערך 400 פונט (2000 דאלאר) לעבעדיג געלד.

אלץ פלעגט ער האלטען אין דאזיגען אלטען וועסטעל, וואס ער האט ארונ-טערגעלייגט אונטער'ן ארון-הקודש, און יעדען טאג פלעגט ער קאנטראלירען, אויב עס איז אלץ אין ארדנונג.

דאס געוואלד האט ער געמאכט, ווייל היינט האט ער דערזעהען, אז די ווערט-פאפירען האט מען איהם איבערגעלאזט, נאר דאס געלד האט מען ארויסגע'גנב'עט.

די גנבים זענען צו אלע צרות נאך קיביצערס אויך, און זיי האבען איהם איבערגעלאזט א צעטעלע אויף יודיש, אז ער זאל זיך די גנבה נישט נעמען שטארק צום הארצען, ווארום זיי ווילען איהם חלילה נישט לאזען אויסגעהן פון הונגער. יעדען חודש ווילען זיי איהם צושיקען 1 פונט מיט 50 פיאסטער אויף צום עסען. און אזא לעבען ווי ער מאכט, קאן ער מיט דער דאזיגער סו-מע גוט אויסקומען.

וואס זאגט איהר נישט צו יודישע גנבים? — פארט מענשען מיט יושר!

—0—

די רבנים-וואהלען אין טאמאשאוו.

די מעהרהייט פון דער טאמאשאווער יודישער בעפעלקערונג נעמט אויף מיט פרייד די וואהל פון ליפנער אב אויפ'ן טאמאשאווער כסא-הרבנות.

(ספעציעלע קארעספאנדענץ צום „לאדזשער טאגעבלאט").

מיט גרויס אונגעדולד האט די טא-מאשאווער יודישע בעפעלקערונג, וואס איז שוין מיד פון די לאנגע רבנות-מחלוקת'ן, אפגעווארט דעם טאג פון די רבנים-וואהלען.

זונטאג, דעם 22-טען מאי האבען מאַ-סען יודען בעשטראמט אין לאקאל פון דער קהלה אפצוגעבען זייער שטים, אזוי אז דער לאקאל איז געווען צו קליין אויפצונעהמען אזא גרויסען עולם און די וואהלען האבען געמוזט איבערגעטראַ-גען ווערען אין גרויסען לאקאל פון יו-דישען טורן-פעראיין.

די שפאנונג איז געווען זעהר גרויס, בעזונדערס דערפאר, וואס די „אגודה" האט זיך בעמיהט מיט אלע כחות אויך דאס מאל צו שטערען די וואהלען.

פון די 12 יודישע פרנסים זענען גע-קומען צו די וואהלען נאר 8, 4 אגודה-ניקעס האבען בויקאטירט די וואהלען. ס'איז אבער אויך אהן זיי געווען א קוואָרום.

פאר'ן ליפנער רב, פיים-דעפוטאט הרב בראדט האבען אפגעגעבען זייערע שטי-מען אלע 8 פרנסים.

דער פארזיצענדער מעלדעט פייערליך דעם רעזולטאט. אין זאל ברעכט אויס א שטורם פון בראוואָ-פאטשעריי און דער עולם ווינשט זיך הויך „מזל-טוב".

דאס וועהלען פון צוויי מורי-הוראות איז אפגעלעגט געווארען אויף אנ'אנ-דער מאל. דער רעזולטאט פון די וואַה-לען האט ארויסגערופען א פרייד אין דער גאנצער שטאט און הגם מען רע-כענט, אז ס'וועט נאך דויערען א שטיקעל צייט, ביז דער ליפנער רב וועט איבער-נעהמען דאס טאמאשאווער כסא הרבנות. הערשט אבער די אלגעמיינע איבערציי-גונג, אז צו דער טרויעריגער מחלוקה האט שוין געקומען א סוף. הלואי!

ש. רזשעשעווסקי.

—0—

געשטארבען א יודישער סענאטאר אין שוועדען.

שטאקהאלם. (י. ט. א.) דא איז געשטארבען אין עלטער פון 43 יאהר דער בעקאנטער סאציאליסטישער סענא-טאר סאלי לוטערקירט — א יוד. דער פארשטארבענער איז געבוירען געווארען ביי רוסיש-יודישע עלטערן אין דעם קליי-נעם שוועדישען שטעדטעל קריסטיאנסטאר אין יאהר 1884.

צוזאמענפאהר פון „מזרחי" אין דייטשלאנד.

בערלין. (י.ט.א.) דא איז פארגע-קומען א צוזאמענפאהר פון דער „מזרחי"-ארגאניזאציע אין דייטשלאנד, אין וועל-כען עס האבען זיך בעטייליגט 36 דע-לעגאטען.

עס זענען רעפערירט געווארען פרא-גען פון דער מזרחיסטישער גלות-פאלי-טיק, דער מזרחי און דער 15-טער קאנ-גרעס און עס זענען אנגענומען געווארען א ריי רעזאלוציעס.

פראפ. מיליוקאווס אנקומען אין לעטלאנד

רופט ארויס אנטיסעמיטישע שטימונג אין לאנד.

ריגא. (י. ט. א.) דאס ווילען פון געה. קאדעטען-פיהרער און אויסערן-מי-ניסטער אין קערענסקי'ס קאבינעט פראפ. פ. נ. מיליוקאוו אין לעטלאנד, וועלכער איז אהער געקומען האלטען עטליכע פארטראגען איז נישט נאר בעצייכענט געווארען מיטן כוליגאנישען ארויסטריט פון מאנארכיסט אדערקאס, וועלכער האט ווי בעקאנט געפאטשט מיליוקאוו'ן אויף איינער פון זיינע פארטראגען, נאר האט אויך געבראכט צו אנ'אויפשוואונג פון דער אנטיסעמיטישער שטימונג אין לאנד. די לעטישע רעאקציאנערע פרעסע, צו וועלכער עס האט זיך אויך אנגעשלא-סען א געוויסער טייל פון דער ארטיגער רוסישער בעפעלקערונג, האט אנגעהוי-בען א שארפע קאמפאניע געגען דעם, וואס מען האט מיליוקאוו'ן ארייננגעלאזט קיין לעטלאנד מחמת ער, קערענסקי און די יודען זענען די שולדיגע אין רוס-לאנד'ס חורבן און איצט איז ער געקו-מען פראפאגאנדירען זיינע אידעען אין לעטלאנד.

די היגע רוסיש-יודישע צייטונג „סע-וואדניא" בעקומט טאג-טעגליך אנאנימע בריף וואו מען זידעלט דעם רעדאקטאר חלמאי די צייטונג נעמט זיך אן פאר מיליוקאוו'ן. אויפן פראצעס געגען אנ-פאלער אויף מיליוקאוו'ן-אדערקאס האַ-בען נישט געפעהלט קיין אנטיסעמיטישע מאמענטען. אדערקאס פערטיידיגער האט געהאלטען א גרויסע אנטיסעמיטישע רע-דע, אין וועלכער ער האט אנגעוויזען, אז מיליוקאוו איז א שליח פון די יודען, וועלכע שטרעבען צו פערכאפען די מאכט אין דער גאנצער וועלט. אין דעם האט די רוסישע און יודישע פרעסע פאַ-דערט צו פערמשפט'ן דעם אנגעקלאגטען זעהט דער אנטיסעמיטישער אדערקאס א נקמה-אקט מצד די יודען, ביי וועלכע דער נקמה-געפיהל איז בעזונדערס ענט-וויקעלט כדי דאס צו בעווייזען פערופט זיך דער פערטיידיגער אויף שווארצ-בארד'ס טאט.

ביי די דאזיגע ווערטער האט דער געריכטס-פאָרזיצער איהם איבערגעריסען און בעפוילען ווייטער נישט בעליידיגען די יודען. ווי בעקאנט איז דער אנפאַ-לער אויף מיליוקאוו פערמשפט געווא-רען צו 3 חדשים תפיסה.

גאלד, בלוט און פרויען.

א ראמאן פול מערקווירדיגע איבער-לעבענישען און ליידענשאפטען.

(20-טע פארזעצונג).

— דו האסט געהיס רעכט, מיין קינד! דו דארפסט אבער נישט ... סען, אז דאס געזעץ פעראורטיילט איהם צו ווערען א ...

— ווער האט דען געקענט מאכען אזא שרעקליך, גרויזאם געזעץ ... וויל אבער נישט הערען פון געזעץ! וואס געהט מיך אן דאס געזעץ? ... איהם! די ליבע וויל נישט וויסען פון קיין געזעץ. אין דער ליבע זענען ... גלייך. דער שטאלצער רייכער גראף, ווי דער נידעריגער בעטלער. דער ... איז גלייך ווי דער הענקער.

— מיין גאט, וואס רעדסטו, עלווירא?

— איך ווייס, וואס איך רעד! — האט עלווירא אויסגערופען — ... וואס איז דער הענקער ערגער ווי אלע מענשען? ליגט ער נישט, ווי אלע ... שען? שיינט נישט די שעהנע זון אין זיין צימער, ווי אין ציר... שטאלצען גראף?

אנא האט געעפענט איהרע גרויסע שעהנע אויגען און האט געקוקט ... גרעפין עלווירא גלייך אין מויל אריין.

גרעפין עלווירא האט זיך ערשט דערמאנט, אז א פרעמד מעדעל ... אין צימער.

— אך, קינד! — האט זי אויסגערופען — איך האב נאר פערגעסען ... דיר. מיין צער איז אזוי גרויס, אז איך האב פערגעסען אז דו קומסט פון איהם ... מיר ניט זאגען, ווי אזוי איז דער באראן פון באטיאני געקומען אין טורעם פון ...

— צוויי מענשען האבען איהם געפונען פערוואונדעט און בעוואוסטלאז ... אין וואלד און האבען איהם געבראכט צו אונז.

— צו אונז? — האט עלווירא געפרעגט ערשטוינט — אלזא, ... אויך אין טורעם פון טעטעני? פילייכט ביסטו גאר דעם הענקערס טאכטער ...

— אזוי איז עס, גרעפין — האט אנא שטילערהייט געזאגט.

— שרעקליך! — האט עלווירא אויסגערופען — ווי קומט עס, ... האט איהם געפונען פערוואונדעט? וואו האט מען איהם געפונען? פארוואס ... איהם נישט געבראכט צו אונז אין שלאס? דא איז פארגעקומען א ... נידערטרעכטיגקייט!

— דאס ערגסטע איז, וואס די אויפזעהער פון די טורעמס זענען ... נאכט געקומען ביי אונז. מען האט ערגיץ נישט ווייט ערמאָרדעט א פרוי ... ליצייַ האט געשיקט די אויפזעהער זעהען, צי די מערדער האבען זיך ... בעהאלטען ביי אונז. זיי האבען געטראפען דעם פערוואונדעטען באראן ... ני. אזוי לאנג, ווי דער באראן וועט פלייבען ביי אונז, האבען מיר נישט ... מורא צו האבען. קוים וועט ער אבער ווערען ארויסגעהן, מוז ער ... קליידער פון א הענקער, אבער מען קען איהם כאפען און אויפקניפען ... געפענגניס.

אנא האט געזאגט די לעצטע ווערטער מיט אזוי פיל געפיהל ... אזוי פיל הארץ, אז זי האט אנגעהויבען וויינען.

עלווירא האט זי בעטראכט מיט שטוינען. ווי גרויס איהר איינגענ... איז געווען, האט זי דאך בעמערקט, אז דאס דאזיגע מעדעל איז ... בעוואונדערליכע פויערטע.

זי האט אנגעכאפט די האנט פון הענקערס טאכטער און אויסגע...

— גוטע, ליבע זעלעל! דו ווייסט אויך איבער איהם? דו ... לייד מיט איהם? דו פיהלסט, אז איהם איז געשען געווארען ... איך דאנק דיר!

זי האט אבגעלאזט אנא'ס האנט. איז אויפגעשפרונגען, האט ... דעם קאפ אין דער הויך און האט געזאגט פעסט און ענטשלאסען:

— געגוג וויינען! גענוג קלאגען! איך וועל געהן צום הענקער ... טור געפינט זיך, דארט דארף איך מיך געפונען. איך ליב איהם! איך ... ענטשלאסען איהם צו היילען, ווען ער איז געוועהן דער שטאלץ ... פון באטיאני. זאל איך מיך אבקעהרען פון איהם יעצט, ווען איך ... ליד? וועל שלעכטע מענשען האבען איהם ארונגעווארפען אין ... טשעמני — און ער מוז ווערען א הענקער? ניין! איך מוז זיין ... איך מוז איהם פערטייטען אין זיין אומגליק. איך וויל טראגען גלייך ... זיינע ליידען, אזוי ווי איך האב געוואלט אנטיילנעמען אין זיינע פרייד...

— וואס רעדסטו, קינד? האט די אלטע גרעפין אויסגערופען — ... ארא פון זינען.

— געהט נישט צו אונז, גנעדיגע גרעפין — האט אנא געבעטען ... איז א פערשאלטען ארט.

— דאס ארט, וואו דו געפינסט זיך, אנא, קען נישט זיין ... קום, אנא, פיהר מיך צו דיר אהיים! פיהר מיך צו מיין געליבטען ...

— עלווירא — האט די אלטע גרעפין אויסגערופען — ... ווילסטו טון? דו פערגעסט, אז דו ווילסט אלעמען מאכען צו שאנד ... אז דו האסט א מוטער און א ברודער, וואס ווילען זיך שעהמען ... אויף דער גאס?

עלווירא איז צוריקגעפאלען אויפ'ן דיוואן און האט אנגעהויבען ... כען די הענד.

— וואס זאל איך אלזא טון? מען לאזט מיך נישט געהן ... מען לאזט מיך נישט העלפען רעטען איהם?

— עס איז נאר איין איינציג מיטעל צו רעטען איהם — ... ארייננגעפיטט.

— זאג מיר וואס פאר א מיטעל. זאג שנעל.

— נאר דער קייזער קען איהם בעגנעדיגען. עס מאכט נישט ... ער איז שולדיג, אדער נישט, אויב דער קייזער וויל קען ער איהם ... און היימען געהן אהיים. דער באראן וועט דערפון, ער האט ... געהייסען זאגען דערוועגען. ער האט מיך בעהייסען בעטען, איהר ... קיין בורגפעסט צו אייער פאטער, גראף מעראט. דער בישאף ... זאל בעטען ביים קייזער די בעגנעדיגונג פון באראן פון באטיאני.

— אזוי — האט עלווירא אויסגערופען — דאן וועל איך ... אנגרייטען א קארעטע. מארגען פאהר איך קיין בודאפעשט צום ... וועט ער נישט וועלען זיך בעמיהען, וועל איך אליין פאהרען ... קייזער. איך וועל צו די פיס פאלען אונזער גרויסען קייזער ... מען. ער איז א גוטער און גערעכטער מענש, ער וועט מיך ... וועט נישט דערלאזען, אז א מענש זאל לעדען אומזיסט אזא ... וואו מאוינסטו, אנא?

— אין טורעם פון טשעמני.

אלזא, ביסטו אפט געבען איהם?

— געוויס, גרעפין! ער איז קראנק. איך מוז געבען איהם ...

גרעפין עלווירא איז צוגעלאפען צו איהר שרייב-טיש, האט ... געזעצט און אנגעשריבען א בריף צו ארטור'ן:

(פארזעצונג קומט)

4
א יודישע חתונה אין מאינץ אין פערצעהנטען יאהר-הונדערט.

ווי האט אויסגעזעהן א חתונה אין יענע צייטען? א תלמיד פון אויבענדער-מאנטען רב רבי יעקב מולין (מהרי"ל) האט בעלאזען א שילדערונג פון א יודי-שער חתונה אין מאינץ ביים סוף פון פערצעהנטען יאהרהונדערט. מיר וועלען דא איבערגעבען געגוי זיין שילדערונג:

פרייטאג פריה רופט דער שמש צום דאווענען און אין איין גאנג לאדט ער אויך איין די גאנצע געמיינדע צו דער חתונה. אלע זעלען נעהמען אנטייל אין דער שמחה, וועלכע טראגט נישט קיין פריוואטען כאראקטער, נאר ווערט פון אלגעמיין מיטגעפיהלט און מיטגעפטערט, דער רב מיט עטליכע פון די אנגעזעהע-נע בעלי-בתים געהען דאן נעהמען דעם חתן און ברענגען איהם אין שול-הויף. פאראויס געהט דער חתן. נאך איהם דער רב און די בעלי-בתים און הינטער זיי נעהט נאך א גאנצער המון יודען מיט ברענענדיגע פאקלען און מיט מוזיק-אינס-טרומענטען.

נאכדעם ווי דער חתן איז שוין גע-בראכט אויפ'ן שול-הויף, געהען די פאַ-קעל-טרעגער און די מוזיקאנטען צוריק און קומען באלד ווידער מיט דער כלה און איהרע פריינדינס. ווען זי קומט צום ארייגגאנג פון שול-הויף, געהען דער רב און די אנגעזעהענע יודען פון שטאט צו צום חתן און פיהרען איהם מקבל-פנים זיין דער כלה. ער נעמט זי אן ביי דער האנד, און ווען זיי שטעהען אזוי ביידע אנגענומען ביי די הענד, ווארפט דער גאנצער פערזאמעלטער עולם קער-נער ווייץ אויף זיי און רופט אויס דריי מאל: „פרו ורבו!" (פרוכפערט אייך און מעהרט אייך). צווישען די קערנער מישט מען אויך אריין מטבעות, כדי די ארי-מע לייט זאלען זיי אויפקלייבען.

אנגענומען האנד און האנד, געהען חתן-כלה אזוי צו דער שוהל-טיר און זע-צען זיך דארט אויף א ווייכע אנידער אויפ'ן באנק. זיי זיצען דארט איינגע אויגענבליקען. און די כלה געהט דאן צוריק אהיים צו פערענדיגען איהר טו-אלעטע. דארטען טוט זי זיך אן א ברייטע קלייד, בעשטיקט מיט פעלצווערק און איבערגעצויגען מיט זייד. איהר פנים פערשלייערט מען און איבער אלע איה-רע קליידער ווארפט מען איהר אריבער א וועטען ראק פון תכריכים, אום זי זאל זיך דערמאנען אן דעם טויט און נישט אריבערכאפען די מאס אין איהר פרייד.

אונטער דער צייט פיהרט מען אריין דעם חתן אין דער שוהל-געביידע און מען טוט איהם אן שבת'דיגע קליידער, מיט אזא סארט קאפושען, נאכהענגענדיג הינטען פון האלז, אלס טרויער-צייכען נאכ'ן חורבן פון בית-המקדש (אויך ביי די דייטשען איז דאס געווען א טרויער-צייכען אין יענע צייטען).

דער חתן זעצט זיך דאן אוועק ביים ארון-קודש, אויף דער צפון-מזרח'דיגער זייט, און דער עולם דאוונט שחרית. באלד נאכ'ן דאווענען הייבט זיך אן די חופה-צערעמאניע. אונטער די קלאנגען פון מוזיק פיהרט מען די כלה צו ביז דער טיר פון שוהל. אין דער צייט, וואס זי שטעהט דארט, נעמט דער רב דער-ווייל דעם חתן און שטעלט איהם אוועק אויף דעם בעלעמער אין מיטען שוהל. דאן געהט צו דער רב, בעגלייט פון די מיוחסים פון דער געמיינדע, צו דער טיר מקבל-פנים זיין דער כלה. דער רב נעמט אן די כלה ביים קלייד, און פיהרט זי צו צו דער רעכ-טער זייט פון חתן. חתן-כלה שטעהן ביי-דע מיט'ן פנים צו דרום און זייערע מו-טערס און אנדערע נאהענטע קרובים שטעהן בשעת-מעשה אויף דעם בעלע-מער. איצט וויקעלט מען איין ביידענס קאפ אין דעם חתנ'ס טלית, אדער אין דעם שפיץ פון דעם חתנ'ס קאפושאן אלס א חופה איבער זיי ביידען. אבער ווען דער מהרי"ל האט חתונה געמאכט זיין איינציגע טאכטער, האט ער גענומען דעם שפיץ פון איהר שלייער און עס ארויפגעווארפען אויף חתן-כלה אלס א חופה. ער האט געזאגט, אז דאס איז דער אלטער מנהג, וואס איז פערגעסען געווארען.

שדכנות און חתונות ביי יודען אין אמאליגע צייטען.

די פריהצייטיגע חתונות פון יונגע יודישע קינדער אין מיטעל-אלטער. — שידוכים אויף יארידען. — אינטערעסאנטע צערע-מאניעס פון א יודישער חתונה אין יענע צייטען.

פון ב. טויבין.

צוויי גלעזער מיט וויין האלט מען דערנעבען גרייט, איינע פאר די „אירוסין" (די פערלאבונג, דאס מקדש זיין דער כלה), די אנדערע פאר די „נישואים" (די חתונה, די חופה). אבער די גלעזער זענען פערשידענע לויט דעם, צי די כלה איז א מיידעל, אדער אנ'אלמנה. דער רב זינגט דאן די ברכה, און אז ער ענדיגט, רופט ער צו צוויי עדות און פרעגט זיי:

— איהר זעהט אט דעם רינג, מיינט איהר, ער האט עפעס א ווערט?

— „יא", — ענטפערן די עדות.

דער רב הייסט דאן די עדות אכטונג געבען, דער חתן זאל מקדש זיין די כלה מיט'ן ריכטיגען נוסח פון „הרי את". דער חתן טוט ארויף דעם רינג אויף דעם מיטעל-פינגער פון דער כלה'ס רעכטער האנד. מען רופט צוויי אנדערע עדות זיך אונטערצושרייבען אויף דער כתובה, וועלכע דער רב לייענט פאר אין דער הויך. דער רב זאגט דערנאך די „שבע ברכות". און אז ער ענדיגט, גיט ער פון זיין האנד צו טרינקען דעם חתן און דערנאך דער כלה. דערנאך דערלאנגט ער די גלאז דעם חתן, וועל-כער גיט עס א ווארף אויפ'ן וואנד און צעברעכט עס.

דער גאנצער עולם פאלט איצט צו צו חתן-כלה און ווינשט זיי גליק (דער אויסדרוק „מזל-טוב" איז ערשט אויפגע-קומען וועט אין פופצעהנטען יאהר-הונ-דערט) און פיהרט אוועק דעם חתן מאר-אויס פאר דער כלה צו איהם אין זיין הויז, אדער אין דעם קהל'שען טאנץ-הויז. וואס האט זיך געפונען אין די מעהרסטע יודישע געמיינדעס פון דייט-שלאנד און פראנקרייך.

נאך דער חופה, — דערצעהלט דער זעלבער מחבר פון פערצעהנטען יאהר-הונדערט — איז געווען אנ'אלטער מנהג אז חתן-כלה זאלען זיצען פאר זיך און עסען אנ'אַי און א הון.

נישט זעלטען פלעגט פארקומען די חופה ניט גלייך אין דער פריה נאכ'ן דאווענען, נאר בעגען אווענד. די אמת'ע הוליאנקע אין קהל'שען טאנץ-הויז האט יעדענפאלס זיך אנגעהויבען ערשט און אווענד און האט זיך אזוי געצויגען ביז זונטאג פריה. מען האט נאר אונטער-בראכען די הוליאנקע, אום צו דאווענען. יונגעטשעס און קונדסים פלעגען קאַה-רען וועלטען צו א חתונה און אפטו אלערליי ווילדע שטוקעס, און דער חתן פלעגט זיך מוזען אויסקויפען פון זיי פאר געלט.

שבת פריה איז ווידער דער חתן גע-בראכט געווארען מיט פארעד אין שוהל אריין און ער האט דארטען מנדר גע-ווען פאר פערשידענע צדקה-אנשטאל-טען. קומענדיג פון שוהל צוריק אהיים, האט דער חתן דאן דערלאנגט דער כלה, אדער ריכטיגער דעם יונגען חתן-בעל, זיין מגעל, זיין גורט און זיין הוט אלס צייכען, אז זי האט איצט א חלק אין זיין גאנצען פערמעגען.

א גאנצען טאג און א גאנצע נאכט האט מען דערנאך געהוליעט און גע-טאנצט אונטער די קלאנגען פון מוזיק-אינסטרומענטען. אבער די מוזיקאנטען זענען שטענדיג געווען קריסטען, ווייל יודען האבען נישט געטארט שפילען אום שבת." אבער אז די חתונה פלעגט פארקומען אין אנדערע טעג, פלעגען אפטמאל אויך יודען זיין די כלי-זמרים.

יא, א יודישע חתונה מיט עטליכע הונדערט יאהר צוריק איז טאקע געווען א גאנצע חתונה. (פארזעצט)

לאדזער כראָניק.

שטיצע פאַר גייסטיגע אַרבייטסלאָזע.

(ב) היינט דאַרפֿן קומען צובעקומען די שטיצע די גייסטיגע אַרבייטסלאָזע, וואָס האָבן די לעגיטימאַציעס פֿון 657 ביז 1600. מאָרגן — 1601—2600 און איבערמאָרגן — פֿון 2601 ביז צום סוף.

צוזאַמענפֿאָהר פֿון די „לאָקאָ-טאָר“-פֿעראיינען אין לאָדזשער וואָיעוואָדזשטווא.

(§) נעכטן איז פֿאָרגעקומען אַ צוזאַמענפֿאָהר פֿון די פֿעראיינען „לאָקאָ-טאָר“ אין לאָדזשער וואָיעוואָדזשטווא. עס איז אַרומגערעדט געוואָרן וועגן די צוגרייטונגען צום אַלגעמיינעם לאָקאָ-צוזאַמענפֿאָהר אין וואַרשע. אַ מעשטענדיגע רעזאָלוציע האָט אַרויסגערופֿן דער ענין פֿון קאָאָפּעראַטיוו צו בויען הייזער פֿאַר גייסטיגע און גייסטיגע אַרבייטער.

צי דאַרפֿן קאָרטן-שפּילערס אויסקויפֿן פּאַטענטן?

(ג) געוויסע פֿינאַנץ-אַמטן צווינגען פֿעראיינען, וואָס לעבן פֿון קאָרטן-שפּיל, אויסצוקויפֿן פּאַטענטן. דאָס פֿינאַנץ-מיניסטעריום האָט צוגעשיקט צו די פֿינאַנץ-קאַמערן אַ צירקולאַר, אַז פּאַטענטן דאַרפֿן אויסקויפֿן אויסשליסלעך פֿעראיינען, וואָס האָבן די ערלויבניש צו פֿיהרן קאָרטן-שפּיל הייזער.

מיסברויכן אויף א מיליאָן זלאָטיס.

גרויסער פּראָצעס אין מיליטערישען געריכט געגען פּולקאָווניק האַמילאַס און קאַפּיטאַן פּאַגאַן.

(§) נעכטן האָט זיך אין קרייז-גע-ריכט אָנגעהויבן דער פּראָצעס געגען פּולקאָווניק האַמילאַס און געגען קאַפּי-טאַן מאַמאַט פּאַגאַן, וועלכע ווערן באַ-שולדיגט אין כּשגעהן מיסברויכן אויף אַ סומע פֿון קנאַפּע אַ מיליאָן זלאָטיס בעת מיליטערישע בעשטעלונגען פֿאַר׳ן מיליטער און פֿאַר אויפֿגעבן אַ תּשלום-סומע פֿון דירה-געלט, וויפֿיל ער האָט פֿאַקטיש געגעבן. די בעשולדיגונגען זע-נען זעהר שווערע און עס דראָהט זיי אַ האַרטע שטראָף.

דער אורטייל פֿון פּראָצעס ווערט ער-וואַרט היינט.

25-יעהריגער יובּילעאום פֿון „מזרחי“

איינדרוקספֿולע פֿייערונג אין נייעם ענגלישען זאַל.

(ג) ס׳איז געוואָרען 25 יאָהר, זינט עס איז געגרינדעט געוואָרען די אָרטאָדאָק-סישע וועלט-אָרגאַניזאַציע „מזרחי“. און שייכות דערמיט האָט די לאָדזשער „מזרחי“ איינע פֿון די ערשטע „מזרחי“ אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד, אַראַנזשירט אַ יובּילעאום - פֿייערונג, וועלכע איז פֿאָרגעקומען היינטיגען זונטאָג אין נייעם ענגלישען זאַל, פּאַטריאָטיקאַ 10.

דער זאַל איז געווען העכסט-פֿול. עס זענען געווען אויסגעשטעלט 3 טישן אין דער פֿאָרם פֿון אַ „ח“. דעם אויבען-אָן בּיים פּרעזידיום-טיש פֿאַרנעמען: ר׳ זאב זילבערשטיין, דער. משה העלמאַן, ראַבּ-מאַן איטשעם איר ביאַלער, מיכאל פּלאַ-טאַ, רעד. ע. האָמבּורסקי, דער יאַנאַ-ווער רב, די פּרנסים אלי׳ קאַראַ, בערגשטיין וואַרשאַווסקי, אינזשע מאיר וואַידיסלאַוו סקי א. א. יושב ראש און ראש המדברים פֿון צווישען די בעלי-יובל איז דער פּרע-זעס פֿון לאָדזשער „מזרחי“, ה׳ זילבער-שטיין, דער לעצטער עפֿענט די פֿייערונג מיט אַ רעדע אין העברעאיש און יודיש, שילדערענדיג „מזרחי“ אַלס רעליגיעז-ציוניסטישע פּאַרטיי.

דער. משה העלמאַן, אַלס מיטגרינדער פֿון „לאָדזשער „מזרחי“, דערצעהלט, וועגן די ערשטע שריט פֿון „מזרחי און פֿערגערינט מיט אַ בעגריסונג צום יובּי-לעאום..

כ׳הויבען זיך אָן בעגריסונגען. כּצד דעם ציוניסטישען ועד העירוני בעגריסט ה׳ פּלאַטאַ. ער דערצעהלט, ווי אַזוי ער איז אַלס חובבי-ציון׳יס געוואָרען אַ מזרחיסט און אַזוי, בּיים היינטיגען טאָג פֿערבינדען מיט׳ן רעיון-המזרחי. מצד דעם לאָדזשער קרן לישראל קאָמיטעט בעגריסט ה׳ מרחב; די צעירי מזרחי פֿער-טרעט בּיי דער געלעגענהייט ה׳ קראַקאָוו סקי; דערנאָך בעגריסט נאָך מצד „שערי מזרחי“ ר׳ פּאַצאַנאַווסקי און — די פֿערזאַמלטע פֿרעשטעלן-צי צו פּראָטאָ-קאָל דעם יום-טוב.

מיט׳ן סוף און האָט מאַלט רעב. מ. העלמאַן שטימונג צו געבען געלד פֿאַר ארץ ישראל. אין אַליין איז ער מנדר דער ערשטער 100 דאָלאַר, האָמט. ביאַ-לער גיט 15 דאָלאַר.

אין נאָמען פֿון דער קהלה בעגריסט ה׳ אלי׳ קאַראַ. דער יאַנאָווער רב דאַלט אַ לאַנגען דרוש, דורכגעפֿלאָכטן מיט תּורה ראָטס. ביאַלער דערצעהלט, ווי שווער עס איז מיט 25 יאָהר צוריק אָנגעקומען צו ווערען אַ מזרחיסט, די רדיפֿות גנגישות, וואָס עס האָט געהאַט אויסצו-שטעהן אַ יודישער יונגערמאַן פֿון ווייטע און נאַהענטע, וועלכע ראַבען זיך דער-וואוסט, אַז ער געהערט צו מזרחי.

ה׳ אהרן אכט האַלט אַ גלענצענדע רעדע, וועלכע גענומט שטאַרק אוים בּיים עולם.

דער לעצטער רעדט און העברעאיש און יודיש דער א״י-גאַסט ה׳ שמואל לאַנדוי. זיין רעדע דויערט איבער אַ שעה. ער רעדט וועגן קריזיס אין א״י, וועגן די פֿליכטען פֿון די יודען פֿאַר׳ן לאַנד און וועגן די שטרעבונגען פֿון מזרחי בנוגע א״י.

—0—

פֿערזענליכעס.

ד. 12 מאי ד. י. איז דער דיפּלאָמירטער טאַנץ-לעהרער ה׳ הענריק חנריקאָווסקי, אַ לאָדזשער, אייגענטימער אין וואַרשאַווער פּראַפֿעסיאָנעלען סאַלאָן - טאַנץ-לעהרער-פֿעראיין אין פּוילען, צוריקגעקעהרט זיך פֿולשטענדיג אַלס מיטגליד פֿון פּראָפֿעס-יאָנעלען טאַנץ-לעהרער-פֿעראיין פֿון דער לאָדזשער וואָיעוואָדזשטווע. 2139

אַכטונג אינקאַסענטען!

קענען זיך מעלדען אין ביוראָ פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צעגעלניאַנאַ 4 טעגליך פֿון 9—1 מיטאָג. 2138

געגעראַל-פֿערזאַמלונג פֿון „לינת הצדק“.

(ג) זונטאָג פֿון 5 פֿאַרנאַכט ביז מאָנ-טאָג 4 פֿאַרטאָגס האָט געדויערט ד. אַל-געמיינע יעהרליכע פֿערזאַמלונג פֿון „לינת הצדק“ די פֿערזאַמלונג איז פֿאָר-געקומען אין וואַרשאַווער זאַל (פּאַלוד-ניאָוואַ 36) און האָט ציהען אַ גרוי-סע צאָהל מיטגלידער. פּרעזעס לאַווניק יאָגעל האָט געעפֿענט די פֿערזאַמלונג און דעם פּאָרזיץ האָט נאָך אַ וואָהל, איבער-געגעבען ה׳ יאַקאָב אייזנער.

ה׳ אברהם קאַהן גיט דאַן אָב אַ בער-ריכט פֿון דער טעטיגקייט. די פֿערוואַל-טונג פֿון „לינת הצדק“, ווי אויך יעדע פֿון די עקזיסטירענדע סעקציעס, האָבען אין משך פֿון בעריכטס-יאָהר אַרויסגע-וויזען פֿיל ריהריגקייט. די געזעל-שאַפֿט צעהלט איבער 3000 מיטגלידער; אין משך פֿון יאָהר האָט „לינת הצדק“ געאַרבייט בּיי אַ בודזשעט פֿון 54,000 זלאָטים, וואָס עס איז געווען צו ילייך אין פֿערגלייך מיט דעם פֿריהערן שוואַנג פֿון דער אַרבייט. דער דעפֿיציט בעטרעפֿט לערך 3000 זל.

די גאַנץ-סאַניטאַריע איז אַרויסגע-פֿאַהרען צו קראַנקע אין 6000 פֿעלען בּיי דער מיטווירקונג פֿון 11 דאָקטוי-רים. די משמורים-סעקציע צעהלט בּיי 400 מאַנספּילען און פֿרויען, וואָס האָ-בען אין פֿערלויף פֿון יאָהר געהאַט משמור בּיי 3000 חולאים; די סעקציע אַרויסצוּפֿאָרגען מלבּשים, האָט אַרויסגע-געבּען פֿערשידענע נויטיגע הייל-מלבּשים צו 1700 קראַנקע. צום סוף פֿון בעריכט, בעקלאָגט זיך ה׳ קאַהן, אַז צום פֿערוויי-רען שטאַרק נישט אַב די לאָדזשער יודי-שע בעפֿעלקערונג די ווילטיגקייט פֿון „לינת הצדק“, מען בעציהט זיך צו דער אינסטיטוציע גלייכגילטיג און דערפֿאַר ליידען אויך די טעטיגקייט פֿון פֿעראיין, און די בעפֿעלקערונג גופֿא.

עס בעריכט געמוטיקעלט זיך אַ ליי-דענשאַפֿטליכע און שטורמישע דיסקו-סיע. אַ רייהע רעדנער מאַכען פֿאָרוואַר-פֿען, הלמאי די פֿערוואַלטונג האָט נישט געשפּיגט אַן אַמבּולאַטאָריע פֿאַר די מיטגלידער, פֿאַרוואָס עס איז נישט גע-זאָרגט געוואָרען דערפֿאַר, אַז ס׳זאָל אייג-נעקויפֿט ווערען אַן אויטאָ-קאַרעטקע פֿאַר דער נאַכט - פֿאַגאָטאָוויע א. אַנד.

אונ׳ס נאָמען פֿון דער פֿערוואַלטונג ענטפֿערט לאַווניק יאָגעל.

נאָכ׳ אַנגעמען דעם בודזשעט, זענען פֿאָרגעקומען די וואַהלען. אין דער נייער פֿערוואַלטונג זענען אַרײַן די ה״ה: לאַווניק יאָגעל, אברהם קאַהן, שטערן, יעקב אייזנער, ד״ר א. סאָרגע, יוליאַן וואָלף, הערצקע וואָלף, רעד. עמנואל האָמבּור-כקי, י. מ. זוגאַנסקי, ז. קליין, ד. באָרזע-לאָווסקי, ח. לובשיץ, ש. לעווין, בערקאָל, וואַלדמאַן.

קאָנטראָלמען זענען די ה״ה: ווירמאַן, האָהוויץ, האָגעמאַן, שרעטער און גראָס-בערג.

אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע די ה״ה מענדעלסאָן, וואַרשאַווסקי, לעווין פּרזשיש-קאָווסקי און ראַבּינאָוויטש.

דער פּופּיצאַהן יעהריגער יובּילעאום פֿון יצחק קאַצענעלזאָנ׳ס שולע.

אין „לאָדזשער טאַגעבלאַט“ איז שוין מיט אַ קורצער צייט צוריק געמעלדעט געוואָרען וועגען דעם יום-טוב פֿון יצחק קאַ-צענעלזאָנ׳ס בּישאַיכטע אַבערקעמטע שו-לע, וואָס איז גלייכצייטיג דער יום-טוב פֿון דער לאָדזשער יודישער געזעלשאַפֿט.

אַז די יודישע געזעלשאַפֿט און אונ-זער שטאָט וועיל אָבצושאַצען דעם גרוי-סען ערציהונגס-ווערק פֿון דעם בעליבּ-טען און פּאָפּולערען דיכטער בעווייזען די 15 יאָהר, וואָס די אויסגעצייכענטע שולע עקזיסטירט. פֿ... יאָהר צוריק דער הילף פֿון „געזעלשאַפֿטליכקייט“, אַהין קלאַפּערטען אין פּושקעס, אָהין „רעפּ-פּיציטען“. איינע פֿון אונזערע בעסטע ערציהונגס - אַנשטאַלטען האַלט זיך אוים מיט איינענע כּחות! דאָס איז אַן ערשיינונג וואָס רעדט פֿאַר זיך.

צו דעם דאָזיגען פֿערדינטען יובּילעאום יום-טוב וואָס וועט געפֿייערט ווע-רען אויף אַ נאָהענטען אופֿן, האָט ה׳ יצחק קאַצענעלזאָן אויפֿגעשריבען צוויי דראַמאַטישע ווערק, וועלכע זענען פֿיל אין דער העברעאישער און יודישער לי-טעראַטור. קאַצענעלזאָן וואָס איז אויפֿ׳ן געביט פֿון ליטעראַטור פֿאַר דער יוגענד בּמעט דער איינציגער, האָט אין דער הינג זיך פֿיל צו פֿערדאַנקען זיין שולע. די שולע, די שילער זיינע, צו וועלכע ער איז אַזוי צוגעבונדען, האָבען אויף זיך גע-נומען דעם שטעלען צו שאַפֿען פֿאַר זיי.

מיט אייגענעם פֿון די יובּילעאום-ווערק „קבוץ גליות“ האָט דער רי׳לטער אויף דער אַנגאַלאַדונג פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָדז, בעקענט דער עפֿענטליכקייט דעם פֿערגאַנגענעם שבת. דער ריכטער האָט רעציטירט פֿאַר אַ איבערפֿולטען זאַל און האָט אַרויסגערו-פֿען אַן אַלגעמיינע בעגייסטערונג. אַזאַ ווערק בעריכערט און בעפֿרוכטערט דעם יונגען ייד. און די וועגן פֿון זיין שולע און האָט אַן אונגעהוירע ערציהערישע בעדייטונג.

דער גרויסער אמת, וואָס רעדט פֿון דעם ווערק אַרוים, דאָס פֿאַנטאַסטישע, וואָס איז אַזוי וואונדערליך צוזאַמענגע-פֿלאָכטען מיט דעם ווירקליכען, ווירקען אויף יונג און אַלט, דער קינסטלערישער פֿערטעם פֿון דעם קבוץ-גליות, איז גראַנ-ריעזי.

יצחק קאַצענעלזאָן, דער פֿערפֿאַסער האָט קיינמאָל נישט פֿערבוינט און פֿער-שמוסען און זוך רעם סוגעם קינסטלער, ווי ער אַליין דריקט זיך אוים: צוליב פֿערזאָ-נאַלישע טעמים זאָג איך זיך נישט אָב פֿון ראַט בּיסעל קינסטלערישע און מאַר“.

מיר האַלטען נאָר נישט פֿערשטאַנען די יונגער. ווען אונזערע פֿערזאַמען וואָל-טען — חוץ זייער ווענען, געוועזען אויך שטיקלעך קינסטלער; לייט אַ שטיק צום קענען בעדאַרף זיין אַ סקילפּטאָר, אַ לעפֿעריגער נפֿש דאַרף איהם אודאי.

ס׳איז קיין וואונדער נישט, אַז לאָדז וואָס איז אַריינגעטון אין עולם הזה (צווישען אונז געזאָגט: אַז אַך און וועה צום עולם הזה איהרען!) האָט אַרויס-געוויזען ביז אַהער אַזאַ וואַרימע בעציה-הונג צו קאַצענעלזאָנ׳ס לעהר-אַנשטאַלט.

ס׳איז נישט קיין אַנדער — ווייל אַ שולע, וואָס איז אַן׳אויסנאַהם אין לאָדז איז דעם יודישען פֿאָטער אַמאַהנטס-טען. די 15 יאָהר פֿון איהר עקזיסטענץ זענען נישט אַוועק מיט׳ן ווינד, דער בוים האָט געטראַגען און שוין געגעבען פּרעכ-טיגע פּירות, זיי רייפֿען יאָהר אוים, יאָהר איין. איצט ווערען, ווי מען טיילט אונז מיט, פֿרוואַרט ווילטיגע ענדערוני-גען און אויסבעסערונגען אין דעם דאַ-זיגען לימודען ווינקעל. יצחק קאַצענעל-זאָן געהט מיט זיין אַרבייט ווייטער, העכ-לער, ער פֿערפֿולקאָמט איהר.

צוליב דער אינטענסיווער אַרבייט פֿון אַפֿיציעלע און מעכנישע פֿאָרבּרייטונגען האָט ער די פֿייערונג פֿון זיין שול-יובּי-לעאום אָבגעלעגט אויפֿ׳ן אַנהויב פֿון נייעם שול-יאָהר, דאַן וועט זיין אַ פּרעכ-טיגע פֿייערונג, ווי נאָר קאַצענעלזאָן איז פֿיכלת צו אַנגאַזשירען!

דער יובּילאַרין, דער קאַצענעלזאָנ׳ס שולע, ווינשען מיר ווייטערן גרויסען ער-פֿאָלג, ווי זי פֿערדינט עס און אַלע הינ-זיכטען!

Gamma.

לאָדזשער סחורות קיין פּערסיען און כינאַ.

(א) דער דירעקטאָר פֿון עקספּאָרט-אַש-ראַן-פֿעראיין אין לאָדז מאַרקוס געפֿינט זיך לעצטענס אין מזרח. ער האָט אָנגעקניפּט האַנדעלס-בעציהונגען מיט אַ גרעסערע צאָהל פּערסישע פֿירמעס וועגען איבערפֿיהרען טעקסטיל-סחורות פֿון לאָדז. נאָך אונטערהאַנדלונגען האָבען די פּערסישע סוחרים געמאַכט גרעסערע בעשטעלונגען דורך ה׳ מאַרקוס.

אין דער דערנעבענער וואָך האָט אין לאָדז געוויילט אַ פֿאָרשטעהער פֿון אַ גרייסער ענגלישער פֿירמע, וואָס פֿיהרט איהר געשעפֿטען נאָך אין כינאַ. דער דאָ-זיגער האָט געמאַכט בעשטעלונגען אויף לאָדזשער סחורות. די סחורות וועלען דורך רוסלאַנד טראַנספּאָרטירט ווערען קיין כינאַ.

לויז-אַקציע פֿון אַנגעשטעלטע אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע

(מ) שבת און זונטאָג איז פֿאָרגעקומען אַ פֿערזאַמלונג פֿון אַנגעשטעלטע אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע. עס ווערט אַרומגערעדט וועגן די פֿראַגע וועגען אַרויסשטעלען אַ לוין-פֿאָדערונג.

ויד געוואָרפֿען אונטער אַ צוג צוליב נויט.

(§) דער 21-יעהריגער בּראַנישלאַוו לעבּעראַ, ראָקאָשמונער 68, איז אַ לענ-גערע צייט געווען אָהן אַרבייט. ער איז צוליב דעם געווען אין אַ נערוועזער שטימונג און בעשלאָסען צו בעגעהן זעלבסטמאָרד. נעכטן האָט ער אונטער לאָדז זיך געוואָרפֿען אונטער׳ן צוג. דער מאַשיניסט האָט דאָס בעצייטענס בעמערקט און אָבגעשטעלט דעם צוג. אין אַ האָפֿנונגסלאָזען צושטאַנד איז לעבּעראַ אַרויסגעצויגען געוואָרען פֿון אונטער די רעדער און אָבגעפֿיהרט געוואָרען אין שפּיטאַל.

> **טעאַטער „סקאַלאַ“.**
> גאַסטשפּילען פֿון דער פּראָמינענטער פּאַמערער אָפּערע.
> היינט, 8.30 אין אָוונט
> **דער „מאַסקענבאַל“**
> מיט׳ן אַנטייל פֿון גאַנצען אַנסאַמבּל.
> אַנאַנס: מאָרגען „ושידובקאַ“.

קאָמוניסטישע פּעהנער אויף טעלעפֿאָן-דראָהטען.

(או) אויף פּאָבּריטשנע גאַס האָט די פּאָליציי דאַבערקומען פֿון די טעלעפֿאָן-דראָהטען אַ רויטע פֿאָהן מיט אַן׳אויפֿ-שריפֿט „גאַס אויפֿ׳ן נאָמען פֿון ענגעל“. אויך אויף שענקעוויטשאַ גאַס זענען פֿון טעלעפֿאָן-דראָהטען אַראָבגענומען געוואָ-רען פּראָקלאַמאַציעס מיט אויפֿשריפֿ-טען „זאָל לעבען דער צוועקען פֿון ענגעל“.

אין דער היינטיגער וואָך פֿאַלט אוים דער 3. יאָהרצייט פֿון יונגען קאָמוניסט ענגעל, וועלכער איז, ווי בעקאַנט, דער-שאָסען געוואָרען פֿאַר דערמאָרדען אַ פּאָ-ליציי-אַגענט.

די פּוילישע אינדוסטריע אין אויסלאַנד.

פֿון פּאַריז ווערט אונז מיטגעטיילט, אַז צווישען די פּוילישע פֿירמעס, וואָס האָבען עקספּאָנירט זייערע אַרטיקלען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדעל- און אינדוסטריע - אויסשטעלונג, איז די פֿירמע מ. ד. אין שטיפֿים בעשאַנקען געוואָרען מיט אַ מעדאַל „גראַנד פּרי“ און אַ גאָלדענעם מעדאַל.

טעאַטער און מוזיק.

היינט — לעצטע פֿאָרשטעלונג פֿון געמישטען פּראָגראַם אין „אַזאַזעל“.

מאָרגען — די גרויסע פּרעמיערע.

היינט געהט אין „אַזאַזעל“ די לעצטע פֿאָרשטעלונג, אויף וועלכער עס ווערען אויסגעפֿיהרט די שלאַגערס פֿון אַלע ביז איצטיגע פּראָגראַמען.

מאָרגען ווערט געגעבען האָט נייע גרויסע 5. פּראָגראַם, וואָס בעשטעהט פֿון אַ גאַנצער רייהע ערשט-קלאַסיגע נו-מערן, וואָס שטייגען איבער מיט דעם ים פֿון אינטימעלען, ספּעציעל לאָדזשער הו-מאָר און וויץ, ליע, וואָס איז געווען ביז אַהער אין „אַזאַזעל“.

אין 5. פּראָגראַם געפֿינען זיך בערך 14 נומערן: סקעטשען, סצענקעס, אינטימע נזזורמע לידלעך און מאַנאָלאָגען. עס זע-נען געמאַלט געוואָרען דורך דעם קינסט-לער פּ. קליינמאַן ספּעציעלע דעקאָראַ-ציעס און דער קאָמפּאָזיטאָר העגער כּאַהן האָט געשריבען נייע קאָמפּאָזיציעס.

ווער דאַרף זיך היינט שטעלען אויף די פּאָבאָר-קאָמיסיעס?

(ב) היינט דאַרפֿן זיך אויף דער ערשטער פּאָבאָר-קאָמיסיע אויף טראַוּ-גוטאַ 10 שטעלען די פּאָבאָר-אַנגעהערי-גע פֿון יאָהרגאַנג 1905, וואָס האָבען בעקומען אַדרעסשעניעס לויט׳ן אַרטי-קעל 53 (איינציגע שפּייזער) און לויט׳ן אַרטיקעל 57 (שילער און סטודענטען).

U. W. Z, Ż.

מאָרגען דאַרפֿן זיך שטעלען די פּאָ-באָר-אַנגעהעריגע פֿון יאָהרגאַנג 1906, וואָס וואוינען אין שטח פֿון I. פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט, וואָס זייערע נעמען הויבען זיך אָן מיט די בוכשטאַבען

A. M.

אויף דער צווייטער קאָמיסיע אויף זאַקאָנטנאַ 82 דאַרפֿן זיך היינט שטע-לען די פּאָבאָר-אַנגעהעריגע פֿון יאָהר-גאַנג 1906, וואָס וואוינען אין שטח פֿון 5-טען קאָמיסאַריאַט און וואָס זייערע נעמען הויבען זיך אָן פֿון די ליטערע

S.

מאָרגען דאַרפֿן זיך אויף דער צוויי-טער קאָמיסיע שטעלען די פּאָבאָר-אַנ-געהעריגע פֿון יאָהרגאַנג 1906, וואָס וואוינען אין שטח פֿון 8. קאָמיסאַריאַט, וואָס זייערע פֿאַמיליען-נעמען הויבען זיך אָן מיט די בוכשטאַבען

T. U. W. Z. Ż.

אוּפֿאַדלאַשטש פֿון דער אַקציען-געזעלשאַפֿט „מ. א. ווינער“.

(א) אין דער האַנדעלס-אַבטיילונג פֿון קרייז-געריכט איז בעטראַכט געוואָרען די בימע פֿון דער אַקציען-געזעלשאַפֿט מ. א. ווינער אין לאָדז צו ערקלערען דער פֿירמע „אַן׳אוּפֿאַדלאַשטש“. אַלס בעפֿולמעכטיגטער מצד דער אַקציען-גע-זעלשאַפֿט „מ. א. ווינער“ איז אַרויסגע-טרעטען אַדוו. האַליג, וועלכער האָט אָנ-געגעבען אַלס מאָטיוו דאָס, וואָס נאָך אין יאָהר 1924 האָט די פֿירמע אָבגע-שטעלט די צאָהלונגען און זייט דעמאָלט געפֿינט זי זיך אין אַ קריטיש מאַטעריע-לער לאַגע. די פֿירמע בעזיצט כּמעט הינ-טען מאַג מאַשינען און אַן׳אינבעוועגליך פֿערמעגען. די בעשוצער פֿון דער פֿירמע בעפֿינען פֿאַר׳ן איינציגען אויסוועג פֿון דער לאַגע — צו ערקלערען אַן׳אוּפֿאַדלאַשטש.

דאָס געריכט איז נאָכגעקומען די בי-טע און ערקלערט אַן׳אוּפֿאַדלאַשטש, אַלס געריכטס-קאָמיסאַר איז בעשטימט געוואָרען ריכטער לאַנגע, אַלס קוראַטאָר — אַדוו. מעסאַלע.

גרויסע בעראַטונג וועגען דער שקל-אַקציע אין לאָדז.

(:) זונטאָג אָוונט איז אונטער׳ן פֿאָר-זיץ פֿון ה׳ מ. ח. נגרין פֿאָרגעקומען אַ געמיינזאַמע זיצונג פֿון די קאָמיטעטען פֿון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען, און אָרגאַניזאַציעס, די ה״ה פּיום-רעפּוטאַט ר״ר ראָזענבּלאַט און נ. מאָטערסקי פֿון א״י האָבען אָבגעגעבען אַ בעריכט פֿון דער לעצטער אַקציאָנס - קאָמיטעט זי-צונג פֿון לאָנדאָן. צווישען אַנד. האָבען די רעדנער אָנגעוויזען אויף דער ווילטיג-קייט פֿון דער שקל-אַקציע אין פּוילען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם נאָהענטען 15. ציוניסטישען קאָנגרעס, וואָס קומט בע-שטימט פֿאַר דעם 30 אויגוסט אין באַזעל ה׳ נ. לינדענשטיין גיט אָב אַ בעריכט פֿון דער שקל-אַקציע אין לאָדז ביז איצט ה׳ ר״ר י. קלעבענער רעדט אַרום וועגען דעם אופֿן פֿון אַ פֿערשטאַרקטער אַקציע פֿון שקל דורך די אָרגאַניזירטע מיטגלי-דער פֿון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ס׳זאָגען זיך אויך אין דעם זיין אַרויס די ה״ה א. שאַפּיראָ, י. נגטמאַן און סי-ראַלסקי.

די פֿאָרשטעהער פֿון די יונגער-אָר-גאַניזאַציעס ערקלערען זייער גרייטקייט ענערגיש מיטצוהעלפֿען די שקל-אַקציע. ס׳ווערט בעשלאָסען אָבצושטעלען אַלע אַנדערע אַקציעס און זיך ווידמען די נאָהענטסטע מאָג אויסשליסליך די שקל-אַקציע וואָס איז, לויט׳ן בעשלוס פֿון דער עקזעקוטיווע ביז׳ן 10 יולי פֿול-שטענדיג ליקווידירט געוואָרען.

פֿערגיפֿטעט געוואָרען 2 קינדער.

(§) דער איינוואוינער פֿון סאַפּערנים גאַס 58, דער פֿאַבריקס-אַרבּייטער ערמונ-גאָמקע איז נעכטן מיט זיין פֿרוי אַוועק אויף אַ היזיט צו זיינע אַ קרוב, איבער-געלאָזען אין דער היים 2 קינדער, אַ יונ-געל בּין 5 יאָהר און אַ מיידעל פֿון 3 יאָהר די קינדער זייענדיג אַליין, האָבען אויפֿגעעפֿענט די קרעדענץ, אַרויסגענומען אַ פֿלעשעל מיט עסעס אַ פֿליסיגקייט און געגומען טרינקען דערפֿון זיי זענען באַלד אוועק געפֿאַלען בע-וואוסטלאָזע.

די עלטערן זענען צום גליק באַלד צו-ריקגעקומען און אַרויסגערופֿען דעם פּאַ-גאָטאָוויע-ראַטקאָווי, וועלכער האָט די קינדער איבערגעשוועגקט די מאַגענס און צבגעפֿיהרט אין שפּיטאַל. די עלי-מע־! חערען צוגעצויגען צו פֿעראַנט-וואָרטליכקייט פֿאַר איבערלאָזען קינדער אָהן אויפֿזיכט.

אויטאָמאָביל-אַרגיעס הערען ניט אויף

צוויי מענשען איבערגעפֿאָהרען געוואָרען.

(§) נעכטן איז אויך איבערגעפֿאָה-רען געוואָרען דורך אַן׳אויטאָמאָביל דער 9-יעהריגער וואָלף גליקסמאַן פּעטריקאָ-ווער 60. אין אַ שווערען צושטאַנד איז דאָס יונגעל אָבגעפֿיהרט געוואָרען אין שפּיטאַל אננאַ מאַריאַ. דער שאָפֿער איז אַנטלאָפֿען מיט׳ן אויטאָ.

— אויף וואַרנאַ גאַס איז איבערגע-פֿאָהרען געוואָרען דורך אַן׳אויטאָ העלענאַ גאַוושקאַ פֿון פּעטריקאָווער 103 אויך דער צווייטער שאָפֿער איז נעלם גע-וואָרען.

5 יאָהר טורמע פֿאַר געהערען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

(או) נעכטן איז אין קרייז-געריכט פֿאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען יעגער און קוביאַק, וועלכע זענען בעשולדיגט געוואָרען אין געהערען צו דער קאָמוני-סטישער פּאַרטיי.

אין סוף 1926 האָט די פּאָליטישע פּאָליציי בעקומען אַ פֿערטרויליכע ידיעה אַז דער צענטראַל - קאָמיטעט האָט גע-שיקט קיין לאָדז אַ געצאַהלטען פֿינאַנ-ציאַנער, וועלכער האָט די אויפֿגאַבע צו רעאָרגאַניזירען די הינגע אַבטיילונג פֿון דער פּאַרטיי. דער פֿינאַנציאַנער האָט זיך געזאָלט אויפֿהאַלטען אין דער וואוי-נונג פֿון אַ געוויסען קוביאַק אויף ציגעל גאַס 136.

צומאָרגענס זענען אין דער וואוינונג געמאַכט געוואָרען עטליכע פּאָליציאַנטען וועלכע האָבען דאָרט געטראָפֿען צוויי פּערזאָן, יעגער׳ן און קוביאַק׳ן. בעת דער רעוויזיע איז געפֿונען געוואָרען אַ מאַסע קאָמוניסטישע ליטעראַטור.

דאָס געריכט האָט ביידע אָנגעקלאַג-טע אַנגעעפֿינען אין שולדיג פֿאַר געהע-רען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. יעגער איז פֿער׳משפּט געוואָרען אויף 5 יאָהר שווערע טורמע און קוביאַק אויף 4 יאָהר.

—0—

רעאָרגאַניזאַציע פֿון האַנדעלס-געריכטס-וועזען פֿאַר סוחרים און אינדוסטריעלער.

(§) די פֿעראיינען פֿון סוחרים און אינדוסטריעלער האָבען אונטערגענומען אַן׳אַקציע וועגען איינפֿיהרען געוויסע ענדערונגען אין האַנדעלס - געריכטס וועזען אין לאָדז.

דער האַנדעלס-אַמט בּיים הינגען קרייז געריכט בעזיצט ניט די געהעריגע צאָהל ריכטער און פֿערגלייך מיט אַנדערע שטעט, וואו די צאָהל פּראָצעסען איז אַ סך קלענער ווי אין לאָדז.

די פֿעראיינען האָבען געשיקט דער-וועגען אַ מעמאָריאַל צום יוסטיץ-מיניס-טעריום. אין מעמאָריאַל ווערט אָנגעוויזען אַז די געריכטען דאַרפֿן פֿערמעהרט ווערען.

—0—

2 פֿאַבריקס-שרפֿות.

(§) נעכטן איז אויסגעבראָכען אַ שרפֿה אין דער פֿאַבריק פֿון דער פֿירמע יאַהן אויף פּעטריקאָווער 217. דאָס פֿייער איז ענטשטאַנען אויפֿ׳ן בוידעם פֿון דער פֿאַבריקס-געבייידע. די פֿייערלע-שער איז געלונגען דאָס פֿייער צו לאָקאַ-ליזירען. די סבה פֿון פֿייער איז נישט פֿעסטגעשטעלט.

נעכטן פֿאַרטאָג זענען די פֿייער-לעשער אַרויסגערופֿען געוואָרען אין מיני-זבער׳ס פֿאַבריק אויף קאָנסטאַנטינאָוו-סקאַ 90. אין פֿערלויף פֿון אַ האַלבע שעה איז די שרפֿה פֿערלאָשען געוואָרען. בעת דער רעטונגס-אַקציע איז איינער פֿון די אַרבייטער שטאַרק אָבגעבריהט געוואָרען.

5 יודישע ארבייטער אין ליטע ווידער געשטעלט פאר'ן פעלדגעריכט

ר י ג ע. (י. ט. א.) פון קאָוונע ווערט מיטגעטיילט: די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס געפינען זיך אין ליטווישן קאָנצענטראַציאָנס-לאַגער אין ווארנע האָבן דעם 1-טען מאי זיך אָנגעטון רויטע בלימלעך און אָנגעהויבן זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער. די וואך האָט אויף דער פאָראָרדנונג פון שעף פון קאָנצענטראַציאָנס-לאַגער אָנגעהויבן אַ שיסערײַ אויף די קאַמערן און ווען די אַרעסטירטע זענען אָנגעשוויגן געוואָרן איז פאַרפיהרט געוואָרן אַן'אויספאָרשונג געגען די אַרעסטירטע. 13 מאַן צווישן זיי 5 יודען זענען איבערגעגעבן צום פעלד-געריכט.

עס איז בעוואוסט, אז צווישן די אַרעסטירטע יודען געפינט זיך אַ געוויסער משה גורוויטש (אַ לינקער פּועלי-ציוניסט). די נעמען פון די איבעריגע אַרעסטירטע יודען איז שווער צו דער-גרייכן, מחמת דער ערשטע וואך גע-האלטען שטרענג בסוד.

יודישע קאלאניסטען אין ארגענטינא פערגרעסערן זייער ערד-בעזיץ.

ב ו ע נ א ס - א י ר ע ס. (י.ט.א.) אַ גרויסע צאָהל יודישע קאָלאָניסטען אין דער קאָלאָניע „באַראָן הירש", וואָס האָבן שוין אויסגעצאָהלט זייערע חובות דער י.ק.א. און זענען געוואָרן פולקאָמע אייגענטימער פון זייער באָדען האָבן לעצטענס אײַנגעקויפט אין שכנות גרויסע ערד-שטחים. אַזוי אַרום איז אַ דאַנק דעם לעצטען געראָטעניש פער-גרעסערט געוואָרן דער ערד-בעזיץ פון די דאָזיגע קאָלאָניסטען אויף 600 העק-טאַר.

ווי מען טיילט מיט, אונטערהאַנדלט אַן אַנדערע גרופּע יודישע קאָלאָניסטען וועגען קויפען געמיינזאַם דורך דעם קאָאָפּעראַטיוו „גראַנדזשעראָס אונידאָס" (פעראייניגטע פאַרמערס) אַ שטח פון 8500 העקטאַר ערד. 28 קאָלאָניסטען האָבן שוין אײַנגעצאָהלט זייערע טייען אין דער הויך פון 2500 דאָלאַר יעדער.

קאמוניסטען, וואס קאנען יודיש זענען מחויב צו רעדען יודיש אויף פערזאמלונגען

מ אָ ס ק ו אַ. (י.ט.א.) פּאַרטיי-חברים, וואָס קענען רעדען יודיש זענען אויף יודישע פערזאַמלונגען מחויב צו רעדען יודיש, האָט געפּסקנט די פּראָקוראַ-טור קרייזישע קאָמוניסטישע קאָנטראָל-קאָמיסיע.

דער פּסק-דין איז אַרויסגעגעבען געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון אַן'אָנקלאַגע, וואָס עס איז דערלאַנגט געוואָרן דער קאָנטראָל-קאָמיסיע אויף איינעם אַ פּאַר-טיי-מיטגליד ראָזשינסקי, וועלכער האָט געהאַלטען אַ פאָרטראַג פאַר יודישע קו-סטאַרען אין רוסיש און ווען מען האָט געבעטען ער זאָל בעסער רעדען יודיש, ווייל נישט אַלע פערשטעהען רוסיש, האָט ער געענטפערט: „ווער עס פער-שטעהט נישט קיין רוסיש, קען פערלאָזען דעם זאַל."

לעזט, אבאנירט
— דאָס —
„לאָדזער טאָגעבלאַט"

קויפט נישט קיין מעבעל,
בעפאָר איהר איבערצייגט אייך נישט אין מיין מעבעל-געשעפט
44 CH. ŁAŹNIK 44
גדאַנסקאַ (דלוגאַ)
נור בײַ מיר קענט איהר קויפען מעבעל שעהן, גוט און ביליג
בעט.: איך קויף אויך פערשידענע מעבעל, דיוואַנעס, פעלצעז, ניי-מאַשינען, סאַמאָוואַרען א. או. וו. — —
איך צאָהל די העכסטע פרייזען! •••• קומט און איבערצייגט אייך.

לעטשניצע
פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
און צאָהן-ערצטליכער קאַבינעט
17 זגערזשער 17, טעל. 16-33.

ד"ר ראַקאָווסקי	נאָז-, האַלז, אוירען-קר.	פון 10—11
ד"ר יוסטמאַן	נערווען-קראַנקהייטען	פון 12—2
ד"ר רוזשאַנער	הויט און גע-שלעכטס-קר.	10—11
ד"ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	10—12 4—5
ד"ר פּאַפּיערני	פרויען- און געבורטס-הילף	12½—1 5—6
ד"ר גאָלדשטיין-פּלאַך	אויגען-קראַנקהייטען	1—2
ד"ר קאַנטאָר	כירורגישע קראַנקהייטען	
ד"ר ווײַנבערג	אינערע, ספּעצ. הערץ, לונגען	11—1 6—7
ד"ר סטופּעל	רענטגען	10—12 3—6
צאָהן-ערצט א. נראָדזענטשיס צאָהן-ערצט נ. ראָזעס	צאָהן- און מויל-קראַנק.	3—9 3—9

סיסטעמליכע העהענזאָננע-בעשטראַהלונג. פּאָקען-שטעלען
בײַ דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרן
א רענטגען-אינסטיטוט
קווארץ - לאַמפּ, דיאַטערמיע און עלעקטרא-פיזישעס קאַבינעט.
וויזיטען אין דער שטאָט. עפען אויך זונטאָג.
אַלע אַרט מעדיצינישע אָנאַליזען. — קורסען פאַר שטאַמלער.
אימפּונגען געגען שקאַרלאַטינע.

— אלע יודען —
ערלעדיגען זייערע רעכטס-קאָנסולטענטן-אַרבייטען אינם
לאַנגיעהריגען קאָמפּעטענטען-ביוראָ
זינגער, זאַכאַדניאַ 36
פּראָנט, פּאַרטער.

עלטערן!
פאר 3 זלאָטיס א וואָך
ווערט געלערנט מיט קינדער, וואָס לערנען אין פאָלקס-שולען: חומש, רש"י, נ"ך, משניות, גמרא הידות, היסטאָריע, רעדען און שרייבען העברעאיש, אין יודיש בייך זעלבסט צוזאמענשטעלען דורכן בעוואוסטן אָרטאָדאָקס. העבראַאישען לעהרער
י. ד. ראָזענפעלד פּל. וואָלנאָשטשי 6
קורצער צייט רעכטס 2 שטאָק.
ס'ווערן אויך אָנגענומען אָנפענגער פון 5 יאָהר אָן.
„אַ שטרענג רעליגיעזע ערציהונג"
„ערפאָלג גאַראַנטירט"!

Dr. med. S. Kantor
ספּעציאַליסט פאַר הויט- ווענערישע, און האָר-קראַנקהייטען. רענטגען- און הייל-ליכט-קאַבינעט
פּיעטריקאָווער 144, רוג וואָלנעליצקאַ
טעלעפאָן 29-45.
נעמט אָן: פון 8—2 און פון 6—8 פאַר פרויען אַ בעזונדער וואַרטע-צימער — פון 5—6 נאָכם. נעמט אָן אין דער לעטשניצע „סאַניטאַס" ציגעל-גאַס 29 פון 2—4.

Dr. Ludwik Falk
צוריקגעקעהרט
נאָווראָט 7, טעל. 28-07
הויט און געשלעכטס-קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 10—12 פון 5—7. 5619

Nowe siły mężczyźnie
daje „Yopuamin" oddawna wypróbowany i naukowo spreparowany środek. 50 dawek 12 zł. ze sposobem użycia. Dr. Gebhard & Co. Gdańsk.


פּאַלאָווע-בעטען, לעזשאַ-קעס צטפעהלט צו קאָנקורענץ פרייזען אין פאַבריק, ווארשע, נאָשיבאָווסקאַ 22, איידעלמאַן.

לעזט
— דאָס —
„לאָדזער טאָגעבלאַט"

נאָך נישט געוועזענע געלעגענהייט
א הויז געשטעה"נד פון איינציגע שטובען מיט אַ שטאַל, רעמיזע, שאָפּעס גע-אייגנעט אויף אַן'אויסגע-צייכענטער לאַגער אויף קאָפּערניק 18 צו פערמיטען פון 1 פאַ"ט. רעפ"עקטאַנ-טען קענען זיך מעלדען
A. MILLER i S-ka
Przejazd 4.

א געזיכערטע עקזיסטענץ פאר א שלאָסער-פאַכמאַן!
ביליג צו פערקויפען א פולשטענדיגע אייגע-ריכטעטע שלאָסעריי - ווערקשטאַט מיט שטאַנצען מיט אָדער אָהן אַ לאָקאַל.
צו ערפאַהרען פּאָנסקאַ 6 אין הויף פון 12—2 נ.מ.

Dr. med. H. LEICHTER
קאָנסטאַנטינער 9, רוג זאַכאָדניאַ
טעל. 49-66.
צאָהן-כירורג
ספּעצ. פון כירורגישע קראַנקהייטען ווי שפּאַלט-קעס, גימענס, רושענפלעס, צאָהן-פּיפּמאָלעס א.ז.וו.
נעמט אָן פון 1½-5 און פון 8-9 אָוו. זונטאָג 11-2.

מעכאַנאָ-גימנאַזיום
פון
מאַרק עפשטיין
פּיאָטרקאָווסקאַ 23, טעל. 14-7.

גערנוויליג ווערט אבגעטויט
יעדעס טיפע געפיהל פון סימפּאַטיע אָדער ליבע צו זיך אַליין אויב מען נעמט נישט אָן בעצייטענס קיין מיטלען געגען אונאַנגענעהמען גערוך פון מויל, וועלכער ווערט נאָר בעזייטיגט דורך
FERMENTINA
דער בעסטער מיטעל געגען שלעכטען ריח פון מויל.
פערמענטינאַ קאָנסערווירט די ציינער, שטאַרקט די דזשאָנסלעס, בעזייטיגט דעם שלעכטען ריח פון מויל און מאַכט דעם טעם אָנגענעהם.
הויפּט-סקלאַד אויף פּוילען: ROMAN WŁODARSKI WARSZAWA, Lubieckiego 5
צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען, אַפּטייק-סקלאַדען און פּערפומעריע-געשעפטען. פּרייז זל. 2.75 פאַר שטיק. ווען מ'קריגט נישט, דאַרף מען זיך ווענדען צום הויפּט-סקלאַד אויף פּוילען. פאַר קונים פון דער פּראָווינץ ווערט אַרויס-געשיקט נאָכ'ן בעקומען פּאָראָיס 3 זל. אָדער 3.50 אויף אַ נאָכנאַהמע. היט זיך פאַר פעלשונגען:
פערטרעטער אויף בעזונדערע שטעט אויף אייגענער רעכנונג ווערט געוואונשען.

פאר 3 זל. עלעקטריש-ליכט אין שטוב
קען יעדער בעקומען אויסצוצאָהלען וועכענטליך פאַר יעדען פ.
פ. לעווין,
קאָנסטאַנטינער 58,
פראָנט-געוו-לב.
בעט. עלעקטרישע לאָמפען און נאָז-שאָפּקעס מיט 25% ביליגער פון צעניק.
קאָנצעסירט דורך דער לאָדזער עלעקטראָוניע.

יעדער איינציגער האָט זיך איבערצייגט, אז פאַר
מעבעל
דיוואַנעס, פעלצען, ניי-מאַשינען, גאַרדעראָבען א.ז.וו.
צאָהלט די העכסטע פרייזען
א. ווייצמאַן נאַרוטאָוויטשאַ 19 (רזיעלנאַ)
אין מעבעל-געשעפט (פריוו.-וואוינ.) שטנקעוויטש 29
בײַ מיר איז שטענדיג פערט. גענוצטע מעבעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען.

והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת?
פאַרוואָס לויפט יעדער אין ביוראָ פּיעטרי-קאָווער 17 ואמרת אליו, זאָלסט דו איהם זאָגען, אז אין דעם ביוראָ פּיעטרי-קאָווער 17, דורכגאַנג (זאַכאָדניאַ 52) ווערט לויט'ן אויסטאַהט בעהיפּענהאַפּט ערלע-דיגט אַלערליי בימעס, קלאַוזולעס זאַ-בעזיטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען, אַפּעלאַציעס, אַפּוזיציעס, אַד-וואָלאַניעס, רעקורסען — וועגען סאַנ-צעסיעס, פעסער אין קאָמיסאַר.-זשאַנדר, ביטעס אין אַלע פּאָליציי-בעצירקען, שות-פות-אַקטען, סטאַטוטען, אַקטען אינטערציזיעס, אַקטען דאַראַ-וויזנעס, קאַרנע ספּראַוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען.
שנעל, רעיעל און ביליג!
מיט אַכטונג י. מאַנעלאַ רעכטסקאָנסולענט
פּיעטריקאָווער 17, זאַכאָדניאַ 52.

Dr. med.
M. GLAZER
ul. ZIELONA 8 טעל. 45-49
הויט און ווענערישע קראַנקהייטען.
נעמט אָן פון 8—9.30 12—2 און 7—8 אָוו.

HEMOROIDY!
Wyczerpującą broszurę № 12 wysyła darmo
Dr. Hugo Caro, G.m.b.H., Gdańsk

ביליג און גוט!
ספּאָרט-וואָגען . . . . 58.— זל.
קינדער-בעט מיט ניקל און שטאָק, מאַטראַץ — 65.— „
אַטעריק. בעצלעך מיט אַ שטאָק — 80.— „
פּאָרערט איבעראַל!
די גאַראַנטירטע פעלד-בעטען מיט דער פירמע
„PALMA-PATENT"
לאָדז, פּאָלנאָצנאַ 24, טעל. 31-85
הורט. פאַר רעיעקטאַנ גאַראַנטירט. דעטייל.

לעטשניצע
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
און צאָהן-ערצטל. קאַבינעט
„SANITAS"
צעגעלניאַנאַ 29, טעלעפ. 44-51

הייל-בעדער
מינעראַל אַלער אַרט, שוויץ - בעדער מסאַזשען פון די גלידער. גימנאַסטיק, עלעקטריזאַציע, וואָס איז ווירקזאַם בײַ רעוומאַטיזם, אַרטעריטיז צו שטאַרקען און צו ערפרישן, בעזונדערס וויכטיג פאַר די, וועלכע האָבען נישט די מעגליכקייט אַרויסצופאָהרען אין קור-אָרטען. טעגליך עפען. פאַר פרויען אויסשליסליך יעדן מאָנטאַג און מיטוואָך, לאַנגיעהריגער פאַכמאַן (באָדע-מייס-טער) ס. קאָזשיצקי. שוויץ-בעדער יעדן פרייטאָג און שבת. וואַנעס טעגל.
באַד-אַנשטאַלט „ROYAL"
זשעראָמסקי (פּאַנסקאַ) 53, טעל. 57-70. בײַ 6. שיערפען.

שפּיגלען
טואַלעט-, שטעהענדיג- און האַנג- אין אַ ניקעל - רעהם, וואַנד-שפּי גלען, טרעמאָ, ניקל-פּאַצען מיט דאָפּעלט-גלאָז אַרײַנצולעגען האַנד-אַרבייט ווי אויך געשליפענע שפּיגלען און גלאָז צו מעבעל, געבײַדעס א. א. עמפּפעהלט
Oskar Kahlert
ŁÓDŹ, Wólczańska 109
tel. 80-08.
גלאָז-שלײַפערײַ, שפּיגעל-בעלעגערײַ, אויסאַרבײַטונג פון מעטאַל-רעמלעך און ניקעל-אַנשטאַלט.
הורט און דעטייל! הורט און דעטייל!

אבאָנעמענטס-פּרייז: פאַר אַ חודש אין פּוילען 5 זל., אין פּראָווינץ און אויסלאַנד — 1,25 דאָלאַר. אַנאָנסען-פּרייז: פאַר אַ מילימעטער-שורה פאַר'ן טעקסט 16 גראָשען, פּרעסע 24 גר., אין טעקסט 49 גר. א.א.ו. ... פאַר אויסלענדישע אַנאָנסען 100% טייערער צוזעצער דער שטאָט — מיט 50% טייערער.
Redaktor wydawca: E. Bamberski. Tłocznia B. i M. Bamberskich w Łodzi, Piotrkowska 18.